ב א ש I -- די, בא. ( גלש, כלש ) געלט [ נ. פרילוצקי רשומות, אדעס, 1917].

1898 " וואס זאל דאס ביקל טון, ווען זיין יונג קעלבעלע קאן נישט אליין זייגן דאס קינד, ער מוז דינגען אן אם און ער האט נישט קיין באש". א. מארגענשטערן, עגל הזהב, ווארשע, ז' 55.

1923 " איך האב רעזיקירט // און האב אן יאלד מיט באש פארפירט, // ווייל איך ווייס שוין ווי אזוי". פ. גראובארט, ~~...~~, געזאנגען פון תהום, ביי אונז יודס, ווארשע, ז' 24.

1955 " און ווען ס'איז שוין יא געווען אן אקטיאר, וואס האט [...] געוואלט זיך אנגאזשירן, [...] איז נישט געווען קיין פרוטה 'באש' (געלט) צו שיקן דעם אקטיאר אויף רייזע-הוצאה". ש. י. הארענדארף, טעאטער=קאראוואנען, לאנדאן.

ב א ש II -- אינט. [ סטוטש 516] אויסרוף ביי קארטן-שפיל.

ב א ש -- דער, =עס. צונאמען פאר די דייטשן אין פראנקרייך.

1952 " [ער] האט זיך באזארגט מיט פאלשע דאקומענטן און האט פארגעזעצט זיין קאמף קעגן 'באש'". דוד סטעג, דאס בוך פון לובלין, ז' 580.

ב א ש א ט ן -- פאדי/פאדוו פון באשיטן. [ ~~נ. באדעקט~~ ] ~~מיט~~ (זאמד, צוקער, שטויב אע )

1919 " איך קום צו צו אן אנגעפרוירן, מיט שניי באשאטן טירל". ב. שאפיר, קעלער-שטיבער, אדעסא.

1939 " אויסגעשטארצט אירע שרעקנדיקע גרויסע אויגן פון דעם דינעם שווארץ-באשאטענעם פנימל". אש, ווארשע, ז' 171.

באש - 2ז

? " צי זיך איך ניט מיט אש באשאטן (פאדרון) אין א גרוב און יאמער ניט דעם יאמער פונעם איכה-נביא". הל, וואס איז א דור, אין טרעבלינקע בין איך ניט געוועך.

באשאטן מיט קינדער -- וואס האט א סך קינדער.

1877 " ער וואר באשאטן מיט קינדער, זעקס מיידלעך און פיר אינגלעך". אמד. דער שבעים מאלציית, ווילנא, ז' 18.

ניט באשאטן מיט צוקער

1900 " 50 - 70ער יארן איז דער וועג פון דער ארבייטער-קלאסטע אויך ניט געוועון מיט צוקער באשאטן". די געשיכטע פון די ענגלישע ארבייטער-בונדען, שזשענגוור, ז' 98.

"פארוואס באשיט מען א חתן אונטער דער חופה? אז ער איז באגראבן, זאל ער שוין זיין אויך באשאטן". [יודישע פאלקס-וויצן, געזאמלט דורך ל. קעסטין, לאדז, 1918, ז' 24.

באשאטנס -- פאדי/פאדרו פון באשאטענעך. וואס איז איך שאטן, וואס איז באדעקט מיט שאטן.

1913 " געלעגן זיינען מיר אין שמעקנדיקן גראז, באשאטנס פון פון א ברייט-פארצווייגטן בוים". יהואש, זון און נעבל.

1930 " צעך טויזנט בלויע אזיערעס, איינגעפאסט אין ליבלעכע בערגער און באשאטנס פון אייביק-גרינע, גרויסע סאסנעס". דא, פון בערלין ביז סאן-פראנציסקא, ווארשע, ז' 165.

1968 " [...] גאסן, וואס זיינען געווען איינגעטונקען אין גרינס, און באשאטנטע אלייען [...]". יזב אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 88.

ב א ש א ט ע נ ע ן -- טרוו. איך באשאטן, זיי באשאטענען,
פאר באשאטנט. 1. ווארפן א שאטן, שטעלן אין שאטן.

1866 " [...] און זיינע אויגן זיינען געווען באשאטנט
מיט געדיכטע גראע ברעמען". אמד, דער גואל,
ווילנא, ז' 71.

1946 " א נאז וואס האט אים באשאטנט דאס ברייטע [...]
מויל". ייט, פוילן !!!, נ"י.

1967 " איך קוש דאס האדעסל, וואס באשאטנט אירע גלידער,
און וויין לאנג-לאנג און באנג". פרידמאן, ליבשאפט,
ת"א, ז' 109.

2. ( פיג ) פארטונקלען, פארטרויערן.

1925 " זיים זיין האנט איז קראנק געווארן, איז זיין
געמיט באשאטנט מיט פחד פארן טויט". א. מ. פוקס,
אין יענעם הויז, ציט יודישער ליטערארישער קאלענדאר,
ז' 57.

ב א ש א ל ט -- פאדי. פון באשאלן. (שנש) באדעקט מיט
אנגעטאן אין א שאל, מיט שאלן.

1973 " ארייננגעפאלן איך אים מיט די באשאלטע קעפ".
אליצקי, וואלינער יידן, ז' 267.

ב א ש א ל י ע ו ו ע ט -- פאדי/ פאדוו פון באשאליעוועז.
באדעקט מיט לייסטן, ברעטלעך. % באשאליעוועטע ווענט.

ב א ש א ל י ע ו ו ע ן -- טרוו. באדעקן ( די ווענט,
די סטעליע) מיט לייסטן, ברעטלעך (אפט דעקאראטיוו).

1970 " די סטעליע איז געווען באשאליעוועט מיט סענקאטע
ברעטלעך". י. ערליך, שבת, ז' 27.

ב א ש א ל ן -- טרוו. (שנש) פארפולן מיט הילכיקע
קלאנגען, ווי פון א טרומייט; שאלן.

באש - 4.

?. " חברה שטראלן, קומט באשאלן, קומט באגיסן מיט
די פריידן פון גן-עדן; לאמיר בענטשן און באגריסן
אט די ערד, דעם אלטן ייידן, און די מענטשן".
קוו. טריט, ז' 93.

ם [באשאלקן] ב י ש ע ל ק ן / ב ש ל ק ן -- אפנארן,
באשווינדלען.

1711 " דא זאגט עשו ער איז געהיישן יעקב, דארום ווייל
ער מיך האט בישעלקט צווייא מאל". צור, תולדות,
אמשטרדם, כת. VI. 93

1716 " אונט ער רופט צו זיא יהושע אונט רידט צו זיא
ווארום איר האט בשלקט אונז צו זאגן מיר זיין ווייט
פון אייך זער אונט איר זיצט צווישן אונז".
ספר המגיד, ווילהרמרשדארף, ז- III.

ב א ש א ם - ל ע פ ל -- דער, מצ ווראש. (לאקל, פאלאנגע,
ליטע) - א שוימלעפל, א פלאכער לעפל מיט לעכעלעך
אויף אראפצונעמען דעם שוים פון קאכנדיקער זופ.
[מ. מארק, יישפ, X-1].

ב א ש א נ/ע ן -- טרוו. 1. שוינען, היטן, שיצן.

? . " און דאס אויך, נעבעך, האט ער ניט/ געקענט געקענט
באהיטן און באשאנען". פרוג III, ז' 219.

2. באקוקן, באזען, באשוינען.

?. "ברייט אויפגעפראלט די גלעפערנע טיר און ארויס-
געלאזט די געסט 'באשאנען' דאס גרויסע פארמעגן".
י. פערלע, יידן פון א גאנץ יאר, ז' 193.

ם בשונן -- שיין מאכן.

1508 " ותיפי - און דו בשונ טושט, ל' יפה תואר".
רייכלין 8.

ב א ש א נ פ ע ל י ך 88 ---> באשיימפערלעך.

ב א ש א נ צ ן -- טרוע | מארק ווב 1206 |. באדעקן, באפעסטיקן א שטח מיט שאנצן ( שוצוואלן און שוצגריבער).

||=רנג | מארק ווב 633|.

ב א ש א נ ק ע ן -- פאדי/פאדוו פון באשענקען. באגאבט, געבענטשט מיט א געוויסער מעלה, טאלאנט, אייגנשאפט. % א באשאנקענער יונגערמאן. א באשאנקענע זינגערין.

ב א ש א נ ק ע ן -- אוטוו. פארמאגן אן איינגעבוירענע פעיקייט, טאלאנט, אייגנשאפט % די ארטיסטקע איז באשאנקען מיט א פרעכטיקן סאפראנא.

1926 " |...| מען איז געווען באשאנקען מיט געזונט |...| פרנסה איז געווען ברווח". ק. ח. היישריק, אין פייער און בלוט, ווארשע, ז' 10.

? " מען האט אויסגעזוכט צווישן די שבטים יונגע לייט, באשאנקען פון גאט מיט חכמה און פארשטענדלעכקייט". אש, משה.

1968 " געווען צווישן די מיטגלידער אזעלכע, וואס זענען געווען באשאנקען פון דער נאטור מיט מעלות פאר דער בינע". ש. פינקלמאן, יזב אטוואצק-קארטשעוו, ת"א, ז' 342.

ב א ש א ס ן -- פאדי פון באשיסן. באשאסענע, באשאסענער. געטראפן דורך קוילן פון ביקסן, הארמאטן אא.

1920 " ביי די באשאסענע פלאצן האבן זיך געוואלגערט שטיקלעך גלאז און שטוקאטורקע". סעג, פון רוסלאנד - צעבראכענע זיילן, ווארשע, ז' 48.

ב א ש א ף -- דער, בא. 1. מעשה בראשית, גענעזיס.

1945 " פון אנהייב באשאף אויביז איצטיקער שעה איז דארט ניט געווען קיין צעשפאלטענע טלא". האל, ערדישע וועגן, מאסקווע, ז' 160.

1957 " ~~די-הטטא~~ די לופט איז געווען אזוי ווי פון ערשטן באשאף: א לויטערער עלעקסיר". ברוס, די שטילע ערד, ז' 109.

2. ~~פראצעס~~ פון שאפן, שאפונג, יצירה, קרעאציע.

1945 " כ'האב באשאפגעהערט, געשפירט, געלעבט, ס'איז באשאף געדונען אין די אדערן פון דער ערד" ... אפא, יעקבס געצעלטן. ז' 142.

? ווו איז די גרענעץ צווישן ארב און אויפטו, צווישן המשך און באשאף, צווישן ניי און אלט". ד. סדן, גק, נ' 31, ז' 10.

1963 " און דורך די אנטפלעקלטע געוועבן, ווו ס'פורעמט זיך אויס דער באשאף, עס פלאטערט ארייגעט דאס לעבן". סוצ, פור I, ת"א, ז' 25.

3. דער רעזולטאט פון מעשה בראשית; אלץ וואס איז באשאפן.

|1921?| " אהורמין און הורמיז, די נאכט און דער מארגן, / זיי זיינען נאר טיילן פון גאנצן באשאף". אל, ביים זון-אויפגאנג, נ"י.

?. " איך אים איז פארקניפט דער, פאר וועמען דער באשאף איז געווארן באשטימט - דער מענטש. אש, משה.

? " יענע אינוויינקסטע רוחניותדיקע וועלט - אייניקייט וואס האלט צונויף דעם גאנצן באשאף". זשיט, איינשטיינס טעאריע פון רעלאטיוויטעט, ציט אין יישפ V - 1.

ווע‌לט-באשאף.

?. ? " און כ'זע: אין אונדז ווערט אפגעשפיגלט / דער וועלט-באשאף פון סאמע אנהייב". ב. לאפין, דער פולער קרוג.

1963 " וואס איז וועלט-באשאף דען אנדערש ווי, צוליב שפיל, אפגעגדרטע מחשבה?". י. פרידמאן, נפילים ת"א, ז' 13.

באשאפונג -- די/דאס. 1. מעשה בראשית, באשאף.

[...] דורך די נשמות, וועלכע זיינען ארויף אין מחשבה און זיינען געווען פריער פאר דער באשאפונג פון די וועלט". ליקוטי=אמרים, תניא, קנב -שט.

1964 "[...] די באשאפונג פון דער וועלט איז ניט קיין איין מאל געוועזענע דערשיינונג. די באשאפונג איז שעפערישקייט, א פערמאנענטער פראצעס". בצג, טמז 16.

2. אקט, פראצעס פון באשאפן,קרעאציע.

1888 " האט ער [ גאט ] געזאגט צו דעם מלאך, וואס ער איז ממונה אויף דעם באשאפונג פון קינד: מאל אויס דאס קינד אין געשמאלט פון פאטער". תנחומא, בראשית, ווארשא, ז׳ 123.

" דאס באשאפונג פון גארנישט צו א זאך [...]" ליקוטי=אמרים, תניא, כו - נא.

1972 .. " [...] דער פארגעניגן נעמט זיך פון דעם, וואס עס ליגט דער כוח פון שאפונג און באשאפונג אין אלץ, וואס האט צו טאן מיט גערטנערייי". י. ראכלין, פאר, III, 25.

3. דער רעזולטאט, פראדוקט פון מעשה-בראשית;אלץ וואס איז באשאפן.

1819 " פון דיא ניט שיינה טראפעניש איז דיין באשעפונג דורך דען ארט פון ( השתנה) איז דיין קומונג". ספר ישרי לב, ווילנא והרודנא, תקע"ט, כ-2.

? " איך בלאנדזשע ארום אין דער ביליאנענהאפטיקייט פון דער באשאפונג". פ. וויינינגער, אין גרויסן דרויסן, ז׳ 18.

(1941)(?) " אויב אבער א באשאפונג וועט באשאפן גאט און די ערד וועט אופמאכן איר מויל [...]". יהואש, במדבר, טז-30.

O באשאפונגס ( באזארגונגע)=אמט ( שגל ) - ספעציעלער אפטייל ביים יודנראט, וואס האט זיך פארנומען מיטן באפרידיקן אלע פארלאנגען פון דידייטשע מושלים -

- אין לעמבערג אא שטעט [ בלום, יישפ XVII - 2, 1957 ] .

וועלט-באשאפונג -

1966 " אנשטאט א רייף געזשאווערטן אין גאט צו טרײַבן, ער פרוווט אהינטער וועלט-באשאפונג זיך פארקלייבן".

האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז׳ 39.

ם בישעפפונג. ----- 1.

1661 " אונ׳ אין דעם יאר פיר טויזנט אונ׳ פיר הונדערט אונ׳ ביבנציק יאר צו די בישעפפונג די וועלט".

יוסיפון, אמשט, סה.

באשאפיק -- אדי. ( ארכ ) וואס איז א שאפונג פון גאט, א בשר=ודם.

1885 " דערום פארשטייט איר, באשאפיקע מענטשן, צו שלינגען זיינע רחמות ( = לרחמיו לשאוף )".

יוצר ליום ב׳ של ר"ה, מ"מ, ז׳ 219.

באשאפן I - טרוו. פאר באשאפן. 1. בשייכות מיט מעשה בראשית, קאסמאגאניע.

1848 " הייבט אוף אייערי אוגן צו דעם הימל אונ זעט ווער עס האט בשאפין דיא זאכין". חח III , ז׳ 109.

1883 " מיר האבן דאך געלערנט, דאס הקב"ה האט אלע עולמות באשאפן מיט די אותיות התורה". נופת צופים על חומש, ווילנא, ז׳ 2.

" א מענטש א נאר, אבער זוכט זיך אויס זאכן אזעלכע כדי צו זיין נישט אזוי ווי גאט האט אים באשאפן" .

ממוס, ספר הבהמות, ז׳ 60.

1941 " אין אנהייב האט גאט באשאפן דעם הימל און די ערד".

תי, בראשית, א - 1.

1965 " צו באשאפן די וועלט האט דער אין = סוף ( די אומענדלעכקייט) געמוזט איינשרענקען זיין ליכט".

פאר XI. 24.

2. ארויסרופן צו עקזיסטענץ, צום אויפקומען פֿון א מאטעריעלן אדער גייסטיקן ווערט.

..? " איר שמועסט זיך איין, אז איר וואלט מיט אייער שכל, מיט אייער גוטסקייט באשאפֿן א וועלט גאר אנטיק". ממום, קליאטשע, ז׳ 122.

1902 " די ערשטע יידישע סאציאליסטן, וועלכע האבן אהער עמיגרירט [...], האבן פֿון די פֿארשידענע זשארגאנישע דיאלעקטן אויסגעבילדעט א שפראך, אויף וועלכע זיי האבן באשאפֿן א בעסערע ליטעראטור און א בעסערע בינע". דער אידישער ארבייטער נ׳ 13, לאנדאן, ז׳ 85.

(?) 1934 " עטינגער האט באשאפֿן דאס ווארט ׳ אריינקום ׳ אנשטאט דעם דייטשן ׳ אויפפרים׳". גארין, ציט ביי ז. זילבערצווייג, לעקס. פון יידישן טעאטער II, ווארשע, ז׳ 1561.

3. גורם זיין, זיין די סיבה פון עפעס. % באשאפֿן ווונדער.

1894 " מיט דעם איז אויך באשאפֿן געווארן דער ווארצל פֿון די גרויסע איבערקערעניש אין די ארבעט [...]". ב. פייגענבוים, דער סאציאליזמוס פון אלף ביז ת, נויארק.

1910 " דאס שטענדיקע פֿוילן אין אומצוכט און אומבאהאלפנקייט האט באשאפֿן דעם אומפֿארשעמטן שנארער". מר VI, ז׳142.

1948 " די ציילן צוויי [...] קומען ווי פארליבטע זיך צוזאמען, באשאפֿנדיק א בלאנקענדיקע ארקע". לייב ניידוס, אין גראדנער אפקלאנגען נ׳ 10, ז׳4.

4. זיין באשטימט (פארויסבאשטימט) פאר עפעס. % ער איז ווי באשאפֿן פֿאר א דאקטאר.

1836 " דוא זאלסט זיך ניט איבר נעמין מיט דיין תורה לערנין דען דוא ביסט דרויף בשאפין גיווארין". לט 2, 14/1.

?. " משׁשת ימי בראשית זיינען די יידן באשאפֿן געווארן זיי זאלן זיין קרעמער, סוחרים און איבערקויפערס". שע, די גרויסע בהלה.

5. ( פּטמ ) ברענגען, קריגן, אדער צוגרייטן.

1886 " מע האט צונויפגעקריגן ביז 5 רו"כ, פֿאַר וועלכע עס איז באשאפן געווארן בראנפֿן". יפֿאַל, ז' 43.

? " גיך איז באשאפֿן געווארן א סאמאוואר, גלעזער, טיי [...] ". שע, פּוג'ם יאריד II, ז' 142.

|| =עכץ - דאס, בא. 1. ( איר ) וועגן אן אקט אדער רעזולטאט פון באשאפן. 2. וועלט באשאפ(ונג) | ל II|.

ב"ש שאפֿן א יש מאין - ארויסרופֿן צום עקזיסטענץ א נייע זאך, דערשיינונג אין א געביט, ווו פֿריער האט קיין זאך ניט עקזיסטירט.

... " פון דעם געטער-חשק, תמיד/ עפעס אויפצוטון און מאכן/ נייע וועלטן, נייע לעבנס, / און באשאפֿן יש-מאינס". יהואש, נאקעטע נשמות.

שור: דאס ווארט ' צרה' איז פֿארן ארעמאן באשאפֿן .

| מערב גאליציע; קטור|. די וועלט איז אויך ניט באשאפֿן געווארן אין איין טאג - מען דארף זיך ניט איילן, מ'דארף האבן געדולד. גאט באשאפט | האט באשאפֿן די רפֿואה פֿאַר דער מכה.

1929 " השי"ת באשאפט אבער תמיד די רפואה פאר דער מכה. האט ער אין אברהמען ארייננגעגעבן א נשמה וואס קומט פון מקור עליון". צ. ווינער. ספר בנות יעקב, מאנטרעאל, ז' 24.

ם בישאפֿין, בישאפֿן, בשפֿין. ----- ד.

1610 " בראשית ברא אלהים איז סופי תיבות אמת ווייסט דז דער עולם איז בישאפֿין וואָרדן מיט אמת". טח=מדרש, בראשית א- א, פראג.

1711 " אונ' אז אדם איז בישאפֿין גיווארין ( מיד הנצנים נראו בארץ), דען וואר אלץ אויש שפראצין". נחלת צבי, בראשית, כו - א, פפד"מ.

1752 " צוועלף ( מזלות) האב איך בישאפֿן אויף דעם הימל, אונ' איבר איין איטליכן מזל האב איך בישאפֿן

דרייסיג אובר ( ממונים) די דא היישן ( קרטון)".

עח, ג, - 2.

2. ←------

1626 " אונ׳ דרום ( ירים ראש ) האט פרעה דער הובן זיין קאפ אונ׳ האפֿרטיג גיהלטן אונ׳ האט גירעט צו מיר איז מיין ווייאר אונ׳ איך האב מיך געלבשט בישפֿן". סהמ, תהילים קי - ז, לובלין.

1708 " אך טונין זיא זיך מיט איר עשירות איבר נעמן אלז וועז זיא זיך העטין אליין בישאפֿין אונ ועלין גאט ניט דר קענין". אניי קלאגליד אויף א משרה אין פראנקפורט, האגוי [ צינ, א. פריימאן אין פֿש II , ז׳ 171, 1930].

4. ←------

1705 " דאש איז מרמז אויף דער נשמה וואש זיא ווערט גירופֿן בתכֿהן דאש זיא איז בשפֿין גיווארין אהין צוא גיין אין גוף צו פאריכטן און אויששירן זיא מיט גוט מעשים. קה.

1732 " בייא נאכט ווייל פינסטר איז, איז ניקש מער בישאפֿן צו שלאפֿין גיוויש [...]". עיון, 49/2. בערלין.

באשאפן II -- פאדי/ פאדרו פֿון באשאפֿן. באשאפֿנע, באשאפֿענער. וואס איז ארויסגערופן צום עקזיסטענץ, ~~וואס איז~~ אויפגעקומען, ~~אנטשטאנען~~ , באשטימט צו[...]

... " מיין ניט, די וועלט איז א קרעטשמע, באשאפֿן (פאדרו) צו מאכן א וועג זיך מיט פויסטן און נעגל צום שנקפאס.". פרץ, מפין ניט .

1939 " ס׳האט קיינער קיין רעכט באשאפֿן בגד אויף זיך. אלטע שטיבלעך פון טאטעס און זיידעס בירושה, שוין מיט גרינעם מאך באדעקט". הערצל אפשאן, בית ישראל- וויזשניצער רבי׳ס הויף, סיגעט - מאראמערוש, ז׳ 208.

1961 " אך אוראנהייב פון יעדער זאך באשאפֿענער, אורערשטער און נישטא קיין אנהייב צו זיין אורערשטיקייט".

מ. גראסמאן, היימיש, אפריל - מאי.

באשאפנהייט -- די, בא. (ארך). 1. דער אקט פון באשאפונג, אנהייב ווערן.

1805 " אויך וויא פיהל אויגין בליק דש ער | דער מענטש| זאל אוף דיזיר וועלט לעבין האשטו גלייך פון זיין בישאפנהייט גזאגט". א. מאוויר, איבז, בחינות עולם, זאלקווא, תקס"ה, לח - 1.

2. מהות, טבע, כאראקטער (תוך) בחינה.

1806 " [...] אונ מיישטן טייל פר די ווייבר אונ בתולות איזט עש זייער אן גנומן צו ליינן פון די בשאפנהייט אונ די מאכט פון הקב"ה ווי ער בצאלט אונ איין איטלכן מענש נאך זיין ווערקן". גדולת משה, כמ"ש בלבוב, הקדמה, תקס"ב | געדרוקט אין וואהלין|.

1859 "|...| האבע געזעהען וויא גוים איין מענש הערויס ציהן אויס דען וואסער |...| דאס איז קויפמאן, דען איך בין זעהר בעקאנט געוועזען אין דיא בעשאפענהייט פאן זיין גוף אונד זיין פנים". הרב משה סופר [...], אבד"ק פרעסבורג, שו"ת חתם סופר II , אבן העזר, שאלה קל"ה, דף ס"ו/2. פרעסבורג.

1887 " דער קערפער איז דאך פון איינער ערדישע באשאפנהייט". אמד, נשע גנב, ז'3.

באשאפנקייט -- די, בא. דער פראדוקט פון באשאפן, דאס עקזיסטירנדיקע.

1963 " קוים באשאפן- איז שוין די באשאפנקייט מיט פגמען". סוצ,פור II, ח"א, ז' 76.

באשאפער -- דער. --> באשעפער.

באשאפעריש -- אדי. וואס באשאפט, וואס קאן (בא)שאפן; שאפעריש. | זייט, ציט (?) מ.שענטער, אויפן שוועל, נאוו' - דעצ' 1963|.

באשאצן -- פרוו. זיך פארשטעלן, שאפן זיך אדער ארויסזאגן א מיינונג וועגן ווערט אדער באטייט פון עמעצן/עפעס; אפשאצן. % באשאצן אונדזערע אנשטרענגונגען.

1935 " ווער קען דאס באשאצן די גרויסע יסורים וואס יודען לײדן אין אלע עקן פון דער וועלט" חיים יצחק מאליק פון סאטמאר, נחלת יעקב, סאטומארע.

1942 " אז מען וועט זיך שטארקן און נישט לאזן פארפירן פון יצר הרע, וועט מען זוכה זיין צו זייער פיל גוטס, וואס איז נים צו באשאצן". איבן ס. ווארהאל, עקרי האמונה, ז' 15.

באשארעמען -- -----> באשירעמען.

באשבורן -- | באשויווערן| טרוו. (פר) פארברודיקן [קטוו].

באשבתן -- טרוו. ( שנש ) פארשפרייטן אויף עפעס דעם גייסט פון שבת,

" מיטן אנטפלעקן דאס רזין-דרזינדיקע און זיינע שיחות אויף א 'כינוס עיוני' באשבתם ער די ימי חול" [ קטוו ].

באשוואנגערט -- דער, =ס. [מארק ווב 1699] וואס באפרוכפערט א פרוי, מאכט איר טראגעדיק, מעוברת.

ם [באשווארצטערהייט] בישווארצטר הייד 88 אדוו. מרה-שחורהדיק, אפהענטיק.

1723 " אזו איז דיא פרויא אהיים קומן צו אירם מאן אונ' האט צו אים גיזאגט וואס טושטו אזו זיצן בישורצטם הייד אנדרי לייט ברענגן גאלד אהיים אונ' דוא מושט אין זיצן". שהו, לה.

באשווירן -- באשווארן. פאדי. פון באשווערן.

(באשווירענע, באשווירענער, פארכישופט, באצויבערט.

1956 " ווי א באשווירענע - די הייך האט זיך געשטרעקט, דער
שטילער פליעסק האט קוים געלאזט פון זיך צו הערן".
פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 571.

ב א ש ו ו י ג ן -- פאדוו פון באשווייגן. ( שנש )
אנקלאנגיק, ארומגענומען מיט שטילקייט.

1944 " שטילע בערגלעך מיט אלע פארקנס באשוויגן".
נאד, מודה אני, נ"י, ז' 75.

ב א ש ו ו י ג ע ר ט -- אדי, ( שנש ) וואס האט א שוויגער.

1962 " זייענדיק, הייסט עס, אלע ים-לייט אזוי אומגליקלעך-
באווייבטע און באשוויגערטע?" י. פערלאוו, פאר, II 4/

ב א ש ו ו יי ג ן -- טרוו. פאר באשוויגן. ( שנש )
פארשטומען, מאכן שווייגעוודיק.

1932 " איך האב מיינע טירן=פענצטער באשוויגן מיט
דעם ווארן שוויגן". נאד I, נ"י, ז' 235.

ב א ש ו ו י נ ד ל ט -- פאדל פון באשווינדלען.

~~| סטוטש 363 | דואס מען האט אים באשווינדלט;~~
אפגענארט, פארפירט. % די באשווינדלטע פויערים האבן
זיך באקלאגט, אז דער ציגיינער האט זיי פארקויפט
קראנקע פערד.

ב א ש ו ו י נ ד ל ע ן -- טרוו. ארויסנארן עפעס מיט
פאלשקייט, פארפירן, דורכפירן א פאלשן עסק, אפערע.
% דער אוואנטורניק האט איך באשווינדלט ארייג-
געדרוקט פאלשע בריליאנטן.

1895 " |...| יענעם צו באשווינדלען איז ביי אים גרינגער
ווי צוויי ניגונים אן ציצית צו גיין" ב. בעקערמאנן
דער יודישער שפיגעל [illegible] ווארשא, ז' 28.

1924א " און מען האט דאך אים מיטן האלץ באשווינדלט, / ס׳וועט דאך פוילן שוין ביים ערשטן רעגן". מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז׳ 112.

1947 " [...] די זארג נישט אריינצופאלן אין די הענט פֿון שווינדלער, וועלכע האבן צוגעזאגט אריבערצופֿירן די גרענעץ און די עמיגראנטן אפגענארט און באשווינדלט";. רעד ה. מאהלער, ׳זב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז׳ 128.

? ||=ונג -- די, באַ [ מארק וו 403 ], אפנארערײַ, שווינדלערײַ,

? =ערײַ -- די, באַ [ מארק וו 105 ]. דזוו דפֿוו.

באשוועגערן -- טרוו. נעמען פֿאר א ווייב א ברודערס אלמנה אָן קינדער ( לעוויראט - חתונה); מיבם זײַן.

1829 " און יהודה האט געזאגט צו אונן קום צו דעם ווייב פון דיין ברודער און באשוועגער זי". חחת, בראשית, לח - ח.

1941 " איר שוואגער זאל קומען צו איר און זי נעמען פֿאר א ווייב צו אים און זי באשוועגערן". תי, דברים, כה -5.

ם בישוועגרן, בשוועגרן, בישוועגרין.

1610 " אונ׳ ניט דוא זאלשט בישוועגרן אן זיא דיין טוכטר ניט דוא זולשט געבן צו זיינם זון". סח, דברים, ז-ג.

1676 " [...] יהודא הוט אן גיהאבן זיין שון צו לושן בשוועגרן זיין שנור אונ׳ האט צו הינטרשטן ניט וועלן זיין זון לושן בישוועגרין דא וואר אים זיין ווייב אונ׳ צווייא זין גישטארבן". ברנט שפיגל, פפדמ, פרק סב.

1711 " [...] איינר טאר יוא ניט נעמן זיין ברודרש ווייב, דער דא ניט ראוי איז צו בישוועגרן זיא". צאינה, מגילת רות, אמשט, קסג, 2-.

בשוועגרן זיך -- 1. זיך מתחתן זײַן.

1723 " דא ( יעקב ) איז גילאפֿן פאר עשן האט ( יצחק ) אים גיבאטן דו זאלשט דיך ניט בישוועגרן מיט דיא קינה חם דען זיא האבן גידאכט אלש ( נח ) האט געבן

דיא קינדער (חם) צי קנעכט צי דיא קינדער ( שם אונ׳ יפת)".
בית ישראל, ז/א, אמשט.

1737 " והתחתנו אתנו - אונ׳ זייט בשוועגרש". מש 21/2,
בראשית, לד - ט.

|| בשוועגרונג -- די, שידוך, משפחה=פארבינדונג.

1743 " אונ׳ דא דורך האבן זיא אים זיין פֿאשטאנד בנומן,
דש ער | הורודוס | צו גיקש זאל מאכין דיא בשוועגרונג
דיא דער קינג גמאכט האט מיט דיא קינדער פון זון
דיא דר שלאגין זיין גווארין". מ.מן, יוסיפון, אמשט,
קכט.

ב א ש וו ע נ ט ש ע ן -- טרוו. פֿא באשווענצען. באשפריצן
מיט הייליק וואסער [ביי קריסטן] % דער גלח האט
באשווענטשעט דאס נייע אויפגעבויטע הויז.

1923 " איך בין געשיקט געווארן פון גאט, אז איך זאל
דיך אראפנעמען, ווארום גאט וויל דיך באשווענטשען,
און ווען דו וועסט דערנאך 'שווענטשען' וועט
ער זיין הייליק [...]". ש. לעהמאן, גנבים און גנבה,
מעשה 5, ביי אונז יודן, ווארשע, ז׳15.

ב א ש וו ע נ צ ל ט -- פֿאדי פֿון באשווענצלען % באשווענצלט
וואסער.

ב א ש וו ע נ צ ל ע ן -- טרוו. 1. (וו.ל. און שפאטיש)
פֿון באשווענטשען ---> % דער גלח האט באשווענצלט
די נייע געביידע, דאס געבעקס לכבוד פּאסכע.

1971 " דער גלח האט געהאט געהייליקט ('באשווענצלט')
דאס ברויט. באש, פּאר, 19/II.

2. (פיג, איר) פֿאַרהייליקן, קאנאניזירן, כשרן.

1973 " האבן אפֿיציעלע 'חסידים' פֿונעם קאטעגארישן '
'לא תרצח' נישט באשווענצלט כלערליי מלחמות?".
מ. שטיגלער, פֿאר III/ 25.

**באַשוווּנצלען זיך** -- אוסטר. | פֿון שוואַנץ - שוועַנצל, עק׳|. (איר)

" אנטאָן זיך א פוטער וואס האט שוועַנצלער. % זי האט זיך באַשוווּנצלט מיט ווייסע פוקסן [קטור].

**באַשווענקען** -- טרוו [ מארק ווב 676] אפריינינקן דורך וואַסער, איינטונקען אין וואַסער.

ם |באַשוּוער| בשוער -- דער, =ן. נדר, התחייבות.

" אונ׳ מיין בשוער אונ׳ אן ליגן אלש מעלה בכתב גיוועזין אונ׳ אלש דעם גיהיימן יועצים איבר ליפֿרט". גה, ז׳ 361.

**באַשווערדלט** -- אדי. (שנש) באַוואָפֿנט מיט א שווערד, אנגעטאָן אין א שווערד.

1910 " אין יענעם יאר וואלטן אַנדזערע באַשווערדלטע געסט פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער געזען אן אנדער ניו-יארק". מר VI, ז׳ 302.

**באַשווערדן** -- דאס, (דטשמ) באַקלאַגעניש, טענות.

1956 " קוקט אן דעם פעסימיסט דארט,/ הערט צו צו זיין באַשווערדן, / ניטא, זאגט ער, קיין רויק ארט,/ קיין פלאץ פֿאַרמיר אויף ערדן". ו. זיילין, ציט אין מינפי II, ז׳ 204.

**באַשווערונג** -- די, =ען. 1. שבועה.

1804/5 " [...] האבן גרושה תחבולות געטאן [...] מוט בשווערנג מוט שמות אונ מוט אן שפראך אונ מוט רייכרין מוט נפש און מוט שועביל". רבקה בת ר׳ יוסף בר׳ מרדכי ספֿרא מבראד איבן, אגרת בעלי-חיים, לבוב, תקס"ה.

2. כישוף-מיטל; באַצויבערונג.

... " וויפל תפילות מע האט ניט אוועקגעלייגט אויף

אים, מיט קללות, מיט תוכחות, מיט באשווערונגען -
ער רירט זיך ניט פֿון ארט [...] דער אנטיכריסט!"
שע, אין שטורם.

0 באשווערונגס-מאכט -- די. כישוף-קראַפֿט, צויבערמאכט.

1966 " ווײַזט אויס, צו שוואך געווען איז מיין באשווערונגס-
מאכט [...]". האל, מיין אוצר, ז' 188.

1963 " [...] ווען ר' נפֿתלי האט זיך אויך גענומען עוסק
זיין אין קבלה למעשה, אויסשטעלן קמיעות, היילן
חולאים דורך אפשפרעכונגען און באשווערונגען".
פּ. מארקוס, שמז /26.

ם בישווערונג -- אייבערגלייבעריש, הייל-מיטל, רפואה.

1728 " פֿר דען מאגין אונ' הערץ בישווערונג.נעם רוטי רויזן
אונ' (בוראגין בלום) אונ' (בוגלאסא) און מעליפה:
אימליכש איין הנט פֿול|...|". אפרים ווערטהיים,
שער אפרים II, סור, כג, II.

באשווערט -- 1. פֿאדי/ פֿאדוו פֿון באשווערן I. 1. מיט
א שווער הארץ, מיט א שווער געמיט.

... " קארקן אנגעטליתט, קעפּ פון שולם באשווערט|פֿאדרו|,
שיין פון ווייסע ליכט איין ברום פֿון ~~ישקהה פארדרפט~~.
תשובה פֿלאטערט". דער גייער.

1946 " צום סוף זיינען מיר זיך צעגאנגען [...] מיט
באשווערטע הערצער און אנגעשוואלענע אויגן".
ה. ל. זשיטניצקי, משהלה, ציט אנטאלאגיע, ז' 351.

1963 " און פֿאליע, ער ציינערט ארויס א באשווערטער [...]".
סוצ, פּור I, ת"א, ז' 461.

2. (איר) באטרינקען, שיכורלעך.
" דערנאך האט ער זיך מיט זיין ברודער צעקושט און
שפעטער, אז ער איז שוין געווען א ביסל באשווערט,
האט ער יעדן איינציקן געקושט". יד , אבן נגף.

|| =קייט -- די.

1955 " ישראל איז פֿון נשיא ייִנגער, - / נאר ניט אין גורל, אין באשווערטקייט |...|". הל, א בלאס אויף אן עפּלבוים, ב"א, ז' 232.

באשוועריקן -- טרוו. שווער מאכן, גורם זיין שוועריקייטן.

1932 " הינטער אונדז רייסט מען בריקלעך אף זומפּיקע ערטער, וואס באשוועריקט אונדזער אפּטרעטן". יודל יאפע, אין קאמף, מאסקווע, ז' 40.

|| =(ק)ייט.

1894 " איצט ער זאל וועלן עפֿנטלעך מודה זיין, וואלט עס געווען גאר לא יוצלח, אט נאר וואס ער וועט זיך אין מיר נאר |נאך?| נייע באשוועריקייטן און קלאפּאטן און ארבעטן". קלמן סוביל, איבן, דער דאקטאר מיט זיין טאכטער, ווארשא.

באשווערלעך -- אדוו. (ארכ) באלאסטיקט מיט שוועריקייטן.

1865 " נעם מיך נאר מיט דיך וועלט דיר שוין גוט זיין, איך וועל דיר גארנישט באשווערלעך זיין. א. ב. רוף, אדעליע-ראזע, ווארשא.

1882 " אין דעם צושטאנד ווי דו אצינד ביסט, איז פֿאר דיר דאס לעבן זייער באשווערלעך". אנאנים, פּרינצעסין עדינא, ווארשא.

|| =קייט -- די. שווערקייט | מארק ווב 1343|.

ם בישוועהרליכי, בשווערליך.

" זוא מיר נון וואול טון אונ' אונזרין גרישן הערין וואול דינין ברענגט ער אונש און ערגענקליך איניז איביגי אויג דער בישוועהרליכי מיא זעליגי וועלט אין אייטיל רויאינג". גה, ז' 2.

1737 " אונ' דר אנדר פרק פון דען עונש לעו"הב אויך ניט צו בשווערליך זיין זאל ער [illegible]"

ספר שיח השדה, פרק א׳, פיורדא, תצ"ז.

באשווערן I -- טרוו. 1. אנהענגען א משא, אנלאדן, אנגרוזעווען.

1921 " באשווערט מיט בלוט די פליגל אייערע, - / און דורכפֿירן וועל איך אייך גיין אליין!" פּמ, די קופּע, ווארשע, ז׳1.

2. פֿארשאפֿן שווערקייטן, שטערונגען, באלעסטיקן, מכביד זיין. % באשווערן דאס לעבן מיט חובות. באשווערן די טעטיקייט פֿון עמעצן.

1885 " וואס אבער ווילט איר פון די ארעמע פֿי, ווארום באשווערט איר אייער יאך אויף זיי". א. ג. ׳דער פראצעס׳, ווארשא, ז׳9.

1967 " מען ווערט א מאל אזוי איינגעפֿלאנצט און באשווערט מיט פֿליכטן, אז עס לאזט זיך נישט אוועקרייסן". יג, טמז, II.3.

באשווערן דאס הארץ -- פארשאפן עגמת-נפש, טרויער.

1908 " מאטיאס! מיין הארץ איז מיר באשווערט!". ה. עפּפּעלבערג, דער קרבן, ווארשא, ז׳71, [?].

|| =ונג.

ם בשווערן, בישווערן, בשווערין.

2. ----

... " נכבד -בשווערן וויר, ל׳ כבידות" רייכלין 8, שמואל ב׳, יג,כה. [תי: פאלן צו שווער].

1626 " אונ׳ דיא אירשטן גראבן דיא פר מיר זיין גיוועזן (הכבידו) האבן בישווערט אויף דעם פאלק מיט דען מס". סהם, נחמיה ה-טו.

1764 " דער הט מיט גיוואלט גוועלטיגט איבר זיין ברודר אונ׳ האט אונזר יאך בשווערט". יוסיפון, פיורדא, ס׳ I.

בישווערין דאס הערץ.

|| בישווערונג -- די, =ען. לאסט, שווערקייט.

1661 " זא ווערט גירינגרט פון דיר דיא בישווערונג אונ׳ דיא מויה׳ דער לאשט דיז פֿולקש". יוספון, אמשט, וב-2.

באשווערן II טרוו. פאר באשווירן/באשווארן.

1. (מליצהדיק) שטארק בעטן עמעס (ניט) צו טאן, פֿארזאגן עמעס. % באשווערן אין נאמען פֿון פֿאטער. איך באשווער דיר, העלף מיר!

... אך מענטשן, איר מענטשן,/איך טו אייך באשווערן: איר זאלט פון מיין לעבן/דאס לידל אויסהערן".

י. ל. כהן, יידישע פאלקס-לידער, יידוא, נ"י, 1957, ז' 12.

" איך האב אים באשווארן, ער זאל דאס קיינעם ניט ווייזן". שע, מ. פּ. דעם חזנס I, ז' 236.

1941 " און איך וועל דיך באשווערן ביי יהוה דעם גאט פון הימל". תי, בראשית כד - ג.

2. באהערשן עמעצן מיט א שפרוך.

1870 " די שפרעכערין: (צעשלאגט די אייער איבער זיין קאפ און זאגט א שפראך) איך באשווער [...] אלע הימלען, אלע שדים, אלע רוחות, אלע מכשפים, ווי עס געפינט זיך ערגעץ [...]". קמ נ' 25.

1959 " כ'בין ניט געווען אזוי רייף און גענייט ווי ער. כ'האב אבער געפילט א באדערפעניש צו 'באשווערן' די שאטנס, אוועקצוטרייבן זיי". שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 378.

3. (זן)שווערן, געבן א שבועה.

1852 " גלויב מיר, איך הון דש בעשוועהרען ביי מאהמעדש בראב, אז מיין זוהן הט נישט צו מאהל זיך אומגעזעהן אויף דעם יונגען פראוויאנצימער"ץ. נייאי טויזענד הונד איינע נאכט, ווארשא.

|| =נדיק. --- גאדי.

1948 " ווי א באשווערנדיקער נדר פֿון דער שטאט, / אז ניט צעשיידן וועלן זיי קיין קייטן און קיין קלעמער". פמ, מלחמה, מאסקווע, ז' 13.

ם בשוירן, בשווערן, בישווערן.

1. ←----

1474 " שינדל דו מיך דיקשט פפונג דו מיך ווינקשט איך ששויר דיך בשם השם אלקי ישראל [...] . כ"י ספר

הרפואות, ציס אין דווקא, נ' 17.

1701 " דא בשוועער איך אייך בייא דער שבועה דש איר מיר זאגן פר וועט איר אום גיט [...]". מב, מעשה מ"ב.

1711 " דו אליהו דא בשוועער איך ~~בבבא~~ דיך נעם רשות אונ' קום אראב". נצ 1, בראשית ד/ג.

.2 ←-----

1625 " [...] איין אלטי שלנג [...] ליגט זיא זיך צו פלייש אויף יענם אוהר וואו זיא ניט טויב איז דער ווארטן דז קיין כישוף מכר זאל זיא ניט קענן בישווערן". סהמ, תהילים, נח-ה, לובליך.

ם [באשווערעניש] בישווערניש/בשווערעניש/בישווערנים/משוועריס; -- די. 1. דריקעניש, געפיל פון שווערקייט, קלעמעניש.

1728 " פר בשווערנים דש הערץ, נעם (קאפילארום ווענירישׂ): איז ופך זאפט [...] אונ' גיב אים אבונט אונ' מארגין אלי מאל איין האלבין לעפיל פול, זוא לאנג דיא בישווערנים גיווערט". סור, כב-ב - II.

1648 " דיא זן האבן מיר אונש צו הערצן לושן גון, איין גרוש בישווערנש גיוועשט אונש אלן". מגילת ווינץ אמשט, תח.

1729 " אזו רום איך מיט צובראכני גלידר, מיט בשווערעניש מיין הערץ, מיט אונטר שלאגני אויגן אונ' איך רוף צו דיר אוט דיין דער הארמקייט". אריה לב בר' יהודה זעליגמן, תקוני המועדים, פיורדא.

ב א ש וו ע ר ע ר -- דער, ~~מצ באשווערער(ס)~~. 1. כישוף-מאכער, זנאכער, בעל-שם.

1829 " איר זאלט אייך ניט קערן צו די טויטן באשווערער און נאך צויבערער זאלט איר ניט נאכזוכן". חחת, ויקרא, יט- לא.

1931 " צו [...] צו גלויבן אין רוחות, און שדים, אין לצים, [...] אין באשווערער [...] און אין כישוף-מאכערט". אקסענפעלד, די געגארטע וועלט, סאווא

~~אריסג. I, ז' 239 (?)~~

... " די פרימיעריער ווערן געהאלטן פאר באשווערער
פונעם טייוול". מ. מיזיש, ייבל XIII, 1-2.

0 ~~שלאנגען-באשווערער.~~

... דא זיינען געווען שלאנגען-באשווערער פון אינדיע."
צאנין, ארטאפאנוס, ז' 148.

2. שבועה-געבער.

1953 " [...] פאלגענדע ~~פאלגנדיקע~~, [ווייטערדיקע]
טעג זאל מען נישט באשווערן, ווייל ס'איז א סכנה
פאר דעם באשווערער אויב יענער שווערט פאלש[...]"
ירושלים, ז' 18.

ב א ש ו י -- דער, =ען. (ד) 1. דאס אנקוקן זיך פון
חתן-כלה; אויך דאס באקוקן דורך די עלטערן, שכנים.
% " אויפן צווייטן טאג איז דער עושר מיטן זון געפארן
באשוי "|קווב|. " פרייטיק צו נאכט וועט דער בחור
מיט זיינע עלטערן גיין אויף באשוי" |קטוו|.
1911 " און טאקע ביים ערשטן באשוי האט מען תנאים געשריבן".
ז. מוירער, זיי נישט קיין וואולער יונג I, טארנאוו.
... גייט מען אין קאפע הויז אויף באשוי". ק. הייזלער,
קומארנער פארשוינען, ז' 36.
1938 מען האט איר גערעדט א שידוך. /דער חתן איז געקומען
אויף "באשוי", / האט זיך ארייננגעמישט די קאץ און ~~ס~~
ס'איז געווארן נישט". מאנ, נאענטע געשטאלטן, ז' 225.
2. דאס באקוקן, באטראכטן א זאך.
1968 " און זיין פלאן האט זיך ארויסגעוויקלט אט אזוי: /
[...] איז געקומען פון דער שוסטער-קאמער יענער/
א טראנספארט נאר פאר די דייטשע געטער אויף באשוי".
לע, אפקלייב, נ"י, ז' 160.

ב א ש ו י ב ט -- אדי/אדוו 1. שויבן פון גלאז אדער
אנדערע מאטעריאלן ( וועגן פענצטער) % א באשויבטע

ווערא נדע.

1949 "די צוויי פענצטער [...] זיינען אָן גלאַזשויבן, נאר באשויבט (אדורך) מיט שטעקעלעך -נעצן". דוד פינסקי, דער בעל שם טוב און דער גזלן, אקט 1, לאנדאן-קאנאדע, ז' 7.

מ ב אַ ש ו י י ט ס | ארויסרייד: באשוויס? | -- די. געטריקנט, הארט קיכל, ביסקוויט.

1743 " דא האט מאנטעזינוס ארויש גצאגן אויש זיין רייז זאק באשוייטש אודר צוויבאק אונ' אנדר צוקיר גצייג". שאר, קמב.

ב אַ ש ו י מ ט -- אדי. באדעקט מיט שוים.

1910 " שטראלט אויף און זיצט מיט פרייד און לעבן, ווי א באשוימטער, פולער כוס". פרוג I, נ"י, ז' 185.

1963 " באשוימטע אדלערס פליען אן". סוצ, פּור II, ת"א, ז' 40.

ב אַ ש ו י נ ען -- טרוו. (ארכ) 1. שאנעווען, האבן איינזעעניש.

1923 " [די רויבערס] האבן אלע זעלנער געהרגעט, [...] נאר די צוויי פאנגעס האבן זיי באשוינט און האבן זיי אהיים געשיקט". ש. לעהמאן, גנבים און גנבה מעשה 10, ווארשע, ז' 81.

2. טראַקטירן, מכבד זײַן.

1935 " זיי קווענקלען זיך לאנג ביז זיי נעמען די שטיקלעך לעקער, וואס מען באשוינט זיי דערמיט". באש, דער שטן פון גאריי, ז' 104.

3. אנקוקן, באקוקן, באשויען.

1935 " מיט די יונגע ווייבלעך און מיידלעך, וואס זיינען געקומען זי באשוינען, האט זי נישט ארויסגערעדט א ווארט". באש, דער שטן פון גאריי, ז' 19.

ם בשונן, בישינן.

------> 1.

1602 " אונ׳ איך וויל קלאפין זיא איין ברודר מיט דעם אנדרן די ועטיר מיט דען קינדרן שפריכט גאט איך וויל מיך ניט דר ברמן נוך בישינן". שעריר, ספר ירמיה יג - יד. [תי: איך וועל ניט שוינען].

4. אפציילן, אפשאצן.

" לא, יספר ב"שונט, כמו ספירא ל׳ יפה". רייכלין 8, איוב, לח, לז [תי: ציילט איבער].

ב אש ו י ע ן -- טהור. 1. (ארפ) באקוקן, אנקוקן.

1963 " וואס קאן זיין בעסער ווי צו זיצן א נאקעטע אויף דער דאזיקער שטול [...] און צו באשויען די די אייגענע געשטאלט". באש, גימפל תם, נ"י, ז׳124.

2. (ספעצ) באקוקן א כלה און עקזאמינירן זי ווי עס איז געווען דער מינהג געקומען קיין לובלין כדי צו באשויען שפריבצעלען".

1946 " די מחותנתטע זאל קומען צו ׳באשויען׳ די כלה און מ׳זאל האקן טעלער". ייט, מוילן II, ז׳ 181.

באשויען זיך -- קזור. ( וועגן חתן און כלה) זיך באקוקן.

... " די קינדער דארפן זיך באשויען, ווי סע פירט זיך ביי יידן". אליצקי, וואלינער יידן", ז׳97 [?47].

ם בישויאן.

------> 1.

... אל טג גינג מרדכי בישויאן// איך הגיש היש דארין ווארן די ורויאן". מגל, שי, 211-212.

1544 דא גינגן די ביטן אונ׳ וואלטן אים בישויאן./ זיין קראנקהייט וואלן מיר ביזעהן שפראכן זיא צו דער וחויאן שמואל בוך, פעדז 464.

|| =ונג -- דז, באקוקן (ס״ס).

1882 " צו דער באשויונג האט מען נאר אריינגעלאזט אזעלכע פערזאנען, וואס האבן זיך געמעלדעט אז זיי האבן געקענט דאס מיידל". ייפאל 17/6.

באש I - 25.

באשוכונג -- די, =ען. 1. אקט אדער רעזולטאט פון באשוכן (אנטאן שוך).

2. (בא) שיך-אינדוסטריע, הנעלה.

1951 " ביי באקליידונג און באשוכונג זיינען אין קאוונער גובערניע געווען פארנומען העכער א העלפט פון אלע יידישע האנטווערקער". י. לעשטשינסקי אין ליטע ב I, נ"י, ז' 859.

3. (מצ; =ען) שוכווארג, שיך.

1962 " אונדזערע לעבנס זיינען געווען פול מיט [...] ווערטער, וואס האבן דערמאנט אן כל המינים באשוכונגען". י. וואלאך, טמז VI/27.

באשוכט -- פאדור פון באשוכן. אנגעטאן אין שיך.

1962 " |...| בלויז בכבודיקע מענטשן זיינען געגאנגען באשוכט". י. וואלאך, טמז V/27.

באשוכן -- טרוו. פארזארגן מיט שיך,

1908 " נישט פיל קינדער האבן געטראגן נייע רעקלעך אדער שיכלעך. די מערסטע כמעט זיינען געווען קוים באקליידט און באשוכט". מ. ראזענפעלד, !!!, נ"י, ז' 203.

1947 " פריינט ווין ע"ה |...| האט אויף זיין אייגענער רעכענונג געלאזט באשוכן א גרויסע צאל קינדער". טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 77.

באשוכן זיך -- רעפל.

1951 " אויסגעדארטע, מיט אפגעטראגענע רעקלעך און שיך, האבן מיר אלע זיך באקליידט און באשוכט". א. מוקדוני, אין ליטע ב'-I, נ"י, ז' 1080.

באשולדיקונג -- די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון באשולדיקן, אנקלאג, קיטרוג.% פאלשע, געמיינע, באגרינדעטע, געריכטלעכע באשולדיקונג. אונטער דער באשולדיקונג. ארויסשטעלן, אפווארפן באשולדיקונג.

וואַרפֿן עמעצן אַ באַשולדיקונג אין פּנים.

1887 " [...] אמתע אשמות [...] ווייס יעדערער מער אדער ווייניקער, אָבער פֿאַלשע בלבולים, עלילות, באַשולדיקונג [...]". ה'א'נ'ר', ר' שלמה וואונדערהאלד, ווילנא, ז' 94.

1910 " אזוי, ווייסטו פֿון גאַרניט צו זאָגן — האָט ער געזאָגט, ניט לאָזנדיק זיך אָפּשלאָגן פֿון דער באַשולדיקונג".
ב. גאָרין, שפּרה, נ"י, ז' 35 [?].

1960 " אין דער אמתן איז עס אָבער מער ווי אַ באַשולדיקונג און מער ווי אַן אָפּשפּאָטונג פֿון די קינדער פֿון דעם יידישן אַלרייטניק". שג, שלום אַש, נ"י, ז' 172.

0 באַשולדיקונגס-אַקט -- דער, =ן. אַנקלאַגשריפֿט.
% לייענען, אויסהערן דעם באַשולדיקונגס-אַקט.

1930 " פֿון אָנהייב איז געגאַנגען אַ הקדמה, אַ באַשולדיקונגס-אַקט קעגן די ציוניסטן". דאַ, פֿון בערלין ביז סאַן-פֿראַנציסקאָ, וואַרשע, ז' 220.

1970 " דער דאָזיקער באַשולדיקונגס-אַקט איז אַ דאָקומענט פֿון אַן אייביקן היסטאָרישן ווערט". יזב ספֿר סאַנץ, ת"א, ז' 660.

באַשולדיקונגס-באַנק -- די, באַ. אַן אָרט אין געריכט-זאַל וווּ עס זיצט דער באַשולדיקטער. % אוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק.

1973 " דער באַשולדיקונגס-אַקט הייבט זיך אָן מיט די 14 יידן, וועלכע זיצן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק".
יזב ספֿר פּשעטיק, ת"א, ז' 168.

ם בשולדיגונג.

1743 " [...] אבר דיא בריב האט בייא דען קיסר ניקש אויש גריכט דען מן גלאבט דיא בשולדיגונג פֿון דען בישוף ניט". [...]. שאַר, לט.

באַשולדיקט -- פֿאַדי פֿון באַשולדיקן, וואָס מע וואַרפֿט אים פֿאָר אַ פֿאַרברעכן, עבֿירה. אָנגעקלאָגט. % דער באַשולדיקטער איז ריינגעוואַשן געוואָרן".

1948 " |...| דער באַשולדיקטער זאָל, ווי ווייט מעגלעך, זיך ריינוואַשן און אַרויס אַן אומבאַפלעקטער". נס, די משפחה מאַשבער, נ"י.

1973 " 43 קריסטלעכע באַשולדיקטע און כמעט אַלע פֿון איין שניט – פּויערישע קינדער [...]". רעד ד. שטאָקפֿיש, יזב ספר פּשוטיק, ת"א, ז' 174.

באַשולדיקן -- טרוו. אָנקלאָגן, אויפֿוואַרפֿן עמעצן אַ פֿאַרברעכן, אַרויפֿלייגן די שולד; % באַשולדיקן עמעצן אין עפּעס. באַשולדיקן אין אומטריישאַפֿט, אין גניבה. באַשולדיקן אין פֿיינטשאַפֿט צו עמעצן.

1912 " קיינער וועט ניט האָבן קיין רעכט צו באַשולדיקן אונדז אין איבעראיילעניש ביי אַזאַ וויכטיקן ענין". זשיט, IV נ"י, ז' 57.

1951 " אַפֿילו אין די דורכפֿאַלן פֿון דעם קאַטוילִיציזם צו געווינען די פּראַוואָסלאַוונע וויסרוסן באַשולדיקט מען די יידן". אַ. קאַצענעלענבאָגען, אונדזער ליטע ב I, נ"י, ז' 325.

1966 " די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעוואָרפֿן געווער ביי י. ק. און אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אויסבאַהאַלטן געווער". ספר זכרון לקהילות שצ'וצ'ין, וואַסיליִשקי...

באַשולדיקן זיך -- רעפֿל.

... " איך האָב מיך אין האַרצן שטאַרק באַשולדיקט, למאי האָב איך אויפֿגערירט אַלטערס אַלטע וווּנדן". ממוס, פּישקע.

1964 " זי האָט זיך באַשולדיקט אין שוואַכקייט". פּ. רודאַי, טמז VIII/ 9.

0 באַשולדיק-רעדע - מור, וועג, 1935, ז' 11 ט

ם בשולדיגן.

1743 " דיא האָבן אַן דיא יהודים בשולדיגט, דש זיא קינדר פֿון דיא נוצרים אנטנומין העטן אונ' איין איין מיל גטיט האָבן". שאַר, פּז.

~~1764~~

1764 " אום דען און גרעכטר גרעכט צו מאכן און׳ דען שולדיגר צו בשולדיגן". יוסיפון, פיורדא.

בשולדיקן זיך -- רעפל

1739 " דעם נארין זיין טואן איז ווען ער זינדיגט, דז ער אנדרי דר מיט בשולדיגט, אדר דער ציכטיגי בשולדיקט זיך בעלבשטן". ספר מבחר הפנינים, הומבורג, ו׳ II.

באשולדיקער -- דער, =ס / מצ וואַץ 1. דער וואס באשולדיקט; אנקלאגער.

1951 " אויב דער קריסטלעכער באשולדיקער איז ניט אין דער לאגע צו דערווייזן זיין באשולדיקונג, ווערט דער גרונטלאזער באשולדיקער באשטראפט". מ. ווישניצער, ~~אין~~ ליטע ב~~ו~~I, נ"י, ז׳ 54.

2. (אין געריכט) פראקוראר, קטיגור, תובע. % דער באשולדיקער האט געפאדערט א הארבע שטראף פארן פארברעכער.

ם בשולדיגר.

2. ←-----

1743 " דא שפראכן דיא בשולדיגר, אונזר הער קינג דא איז איין בריב פֿון דיא נאך פֿארשיר".מ. מן, שמרות ישראל, אמשט, פ״א.

באשופֿן -- טרוו. (שנש) באדעקן מיט שופֿן.

1963 " באשופט מיט גאלד איר לעבעדיקן פֿאנג". פוצ, פון II, ת"א, ז׳37.

באשטאַט I -- דער, =ן. איינארדענונג, באזארגונג, אויסשטאטונג. % " וועט מען זיך דערוויל מוזן באנוגענען מיט דעם באשטאט, וואס דו האסט געמאכט" [קטוו].

באשטאַט II -- פאדי פון באשטאטן. איינגעארדנט, באזארגט מיט אן ארט.

אינעם גראז,

1948 " די קראנקע האבן אויסגעזוכן, באשטאטע

באש I - 29.

ווי שווימענדיקע אויף א ים-דעק אויף א גרינעם".

פמ, מלחמה, ז' 40.

באשטאטן -- טרוו. פאר באשטאט. 1. געבן אן ארט, פלאץ.

... קאפל שמש פלעגט זיך פארשעלטן די יארן יעדן פרייטיק צו נאכט, ביז ער האט מיט גרויסע צרות באשטאט אט דעם אייביקן אורח". ייז, דערציילונגען, ז' 269.

1941 " באשטאט, איך בעט אייך, די דאזיקע פארשאלטענע".

תי, מלאכים ב', ם - 34.

... " באשטאט דעם טשעמאדאן, זעצט זיך אוועק נעבן מנחם-מענדלען". שע, קאמעדיעס, [redacted] אגענטן', ז' 204.

2. פארבאהאלטן, אהינטאן. % ווו האסטו דעם חפץ באשטאט?

|?| 1883 " מע דארף דאס [דאס מעסערל] פון דארטן אראפ-נעמען און באשטאטן אויף א בעסער ארט". שע, דאס מעסערל, מעשיות פאר יידישע קינדער I, אויסג' פאר, ז' 19, 1944.

1961 " מען האט געמוזט ארגאניזירן א קרייז-פארטיידיקונג - זשאנען האט מען באשטאט אין א גריבל [...]". בערג, אויסדערוויילטע ווערק, ז' 646.

באשטאטן זיך -- רעפל.

1966 " |...| זיך ערגעץ דארט באשטאט און קוקט אין נידער". האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 32.

3. באזארגן, איינארדענען. % באשטאטן עמעצן מיט עפעס.

1890 " וועט איר, ר' מענדעלע, טאקע זיין אזוי גוט, מים דארטן צו באשטאטן מיט א ליטיש קליזל".

צ. ה. הארנשטיין, זלידניעפקער לעבענדע פאטאגר. בארדיטשוב, תכנא, ז' 7 [?].

... ער זאל האבן צייט [...], וואלט ער געקאנט באשטאטן מיט עטיג דריי גובערניעס". שע, דער נס פון הושענא-רבה.

1939 " כ'וואלט וויליק געוועז אלע צו באשטאטן מיט אזא פאנעטישער א". נפ, ייפא, נ' 2.

4. (פיג) געבן אן ארט אויף יענער וועלט, דערהרגענען, ליקווידירן.

1992 " און היינט וועל איך אים שוין באשטאטן, אז ער וועט אפילו צו תחית המתים ניט אויפשטיין". צווישן אלטע באנדיטען, ווארשא, ז' 47

..." |...| ביז ס'איז געקומען חמעלניצקי און האט עס באשטאט". שע, פונ'ם יאריד, I.

1923 " כ'האב אויפגעהערט צו גנבענען און אנגעהויבן צו ראבירן |...| און אפט מאל א מענטשנאך באשטאט". פ. גראובארד, גנזאנגען פון תהום, ביי אונז יודען, ווארשע, ז' 32.

5. פטרן, פארשווענדן, פארלירן. % " און ער האט באשטאט א פאר טויזנט" |קטור|.

ם בישטאטן, בשטעטין.

3. ←-----

1676 " ער מוז זיין גיזינד דר נערין, אויך קינדר בישטאטן ווען די צייט קומט [...]". ברנט שפיגל, פפדם, פרק ה'.

1722 " און' זיא טראכטן ניט אום וויניג צייט און' געלט צו בשטעטין אום זיך שפייז אן צו ברייטן אויף עולם הבא". מהמ, ד/1.

ב א ש ט א ט ע ר -- דער, =ס. (גלש) רוצח, מערדער. % "אוי ווען איך זאל ניט זיין קיין באשטאטער" [קטור]

ב א ש ט אָ ל ן -- טרוו. [מרק ווב 1169] 1. באציען מיט שטאל, פארהארטעווען.

2. (פיג) באפעסטיקן.

ב א ש ט א'ן -- דער, =ען/=עס. 1. א גארטן ווו עס וואקסן קאווענעס, דיניעס.

..." |...| און לויפט אויך אליין אוועק ערגעץ אויפן פעלד צי אויפן באשטאן". אי. קיפניס, פרייד.

... "|...| שמעקט די לופט מיט סטעלניק, לויפֿן פֿון באַשטאַנעס גריסן אײנעם מאָל". פֿעפֿער, היימלאַנד, ז׳111.

1957 " די פֿאַסעקע פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ פֿיינע באַלעבאַטישקייט, |...| אַ סאַד מט אַ באַשטאַן, אַפֿילו אַן אייגן וועלדל". ברוס, די שטילע ערד, ז׳ 68.

2. ~~דיניע |?|, קאַרודעניע |?|~~; באַשטאַן-אויפֿסן; [illegible].

1931 " באַם באַאַרבעטן נייע ערדן [...] איז גלייכער צו זייען אויף דיי אײנעם ערשטן יאָר אַנדערע קולטורן, ווי קוקורוזע, באַשטאַנען, אָבער ניט קיין זונרויזן". ג. סאַנדלער, די קולטור פֿון זונרויזן, כאַרקאָוו, ז׳35.

1965 "[...] דער קוקורוזע און דעם באַשטאַן וועט דער רעגן ניט שאַטן". נאָטע לוריע, הימל און ערד, מאָסקווע, ז׳ 150.

באַשטאַנד -- דער, באַ. 1. אַ גרופּע מענטשן, פֿון וועלכע עס באַשטייט אַ געוויסע קערפּערשאַפֿט; צוזאַמענשטעל.

... " אַ מחנה רייטער, אין גאַנצן קריגס-באַשטאַנד, האָט לאַנגזאַם זיך געצויגן [...]". ייִז, שטאָל און אייזן, ז׳ 8. [?].

1953 " צווישן 1700 און 1761 קומט זיך צונויף דער וועד מדינת ליטא נישט מער ווי זיבן מאָל, און דאָס אויך נישט שטענדיק און פֿולן באַשטאַנד". ימ איבז, ש. דובנאָוו, וועלט געשיכטע, VII, ב"א, ז׳ 157.

1961 " [...] קאָנען מיר אַפֿילו באַקומען אַן אַריינבליק אין דעם דאַמאָלסדיקן ווירטשאַפֿטלעכן באַשטאַנד פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג"ץ ייִס, טמז XI/30.

2. ~~אַלע~~ צוזאַמענשטעל, ~~אַלע~~ קאָמפּאָנענטן פֿון אַ זאַך.

1926 " פֿאַר דער אַרבעט [ פֿון אַפּטיילן קרייד פֿון זאַלץ] דאַרפֿן די קינדער ניט וויסן דעם כמותדיקן באַשטאַנד פֿון געמיש". יאַכינסאָן, אַרבעטבוך אויף נאַטורוויס, II, קיעוו, ז׳ 149 |?|.

1953 " נאכן ערשטן צעטיילן פוילן איז אין באשטאנד
פון עסטרייך אריין דער גרעסטער טייל גאליציע".
ימ׳לבז, ש. דובנאוו, וועלט געשיכטע VII, ב"א, ז׳ 197.

3. ( ד׳ ) געשטעל |?| % "|...| ווו עס איז געשטאנען
אויף א באשטאנד ניט וויַיט פֿון קוימען דער מאַמעשקעס
גרויסע פֿאטאגראַפֿיע". |קטוו|.

4. ( פֿד ) שליבטער מצב, צושטאנד.

1938 " כ׳האב אים געטראפן אין א באשטאנד, אויף שונאי-ציון
געזאגט געווארן". ייפֿאַ, ווארשע, ז׳ 8.

1942 " א מאמע זאגט צום שטיפעריש קינד:׳זע וואס דו
האסט געטאן, א שיין באשטאנד האסטו מיר געמאכט".
ל. לעהרער, יישפ !! -2.

1969 " צומארגנס, ווען ר׳ שמעונס ווייב, ביילע-איטע,
איז אריין אין סוכה און דערזען דעם באשטאנד,
האט זי אוועקגעחלשט". י. ווארשאווסקי, פֿאר, VI/ 28.

~~1969 " צומארגנס, ווען ר׳ שמעונס ווייב,~~

5. ( פד) אומארדענונג, מושב. % ס׳איז דארט א באשטאנד.
" מאכן א באשטאנד".

1971 " כ׳טו אין שטוב ווען זיי זענען אין דער היים
אויך. ס׳איז א גרויסע דירה און אפילו ווען מ׳מאכט
ניש׳ קא׳ מושב, ווערט א באשטאנד". באש, פאר, VI/ 26.

~~6. ( ארכ) מצב, לאגע, צושטאנד.~~

... " מיט טרערן טיט זי דאס באגיסן, /עס זאל פארשטיין
איר באשטאנד". פֿל.

1886 " די זקנים דערהאלטן שטענדיק דעם כלל ישראל, אז
געפינט זיך ביי יידן זקנים האבן זיי א גוטן באשטאנד".
תנחומא, שמות, ווארשא, ז׳ 27 |?|.

1963 " אנשטאט מצב אדער סיטואציע האט מען גענוצט
דאס ווארט באשטאנד ( ׳אלע מיינע שונאים זאלן
איבערגיין אויף זיין באשטאנד")". ג. בערנשטיין,
יישפ XXIII - 2, ז׳ 49 |?|.

7. (אַרב) גרויסער מעמד, פּאָזיציע, אויטאָריטעט, חשיבות.

1868 " עס טרעפֿט אין דער וועלט דאָס אַזעלכע געשיקטע מענטשן, וואָס קענען זעלבסט פֿאַר קיניגן שטיין, האָבן קיין באַשטאַנד ביי פּראָסטע בעלי-בתים". אמד, דיא דינסט מיידעל, ווילנאַ, ז' 29.

1893 " און זיי [די רעוועררענדן] היטן זייערע ביזנעס, זיי דערוויטערן די ערלעכע ת"ח, זאָלן ניט האָבן קיין באַשטאַנד ביי אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד". שמי פּלאַי, ספר האמת והשלום, לעמבערג, ז' 46 |?|.

1953 " אויף דעם יאַפּקעקלעץ איז געווען מיין באַשטאַנד, דאָרט האָב איך די דרשה איבערגעשמיסט |...|" ח. ליבערמאַן, יישפּ XIII/4.

8. (אַרב ?) וועלטאַל, אוניווערס, קיום.

1941 " איך וועל אָפּמעקן דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס איך האָב געמאַכט". תי, בראשית, ז-4.

9. (אַרב) האָפּט, ממשות, קיום.

1832 " אבר דוא גאט בישט א מלך וואש דוא לעבשט אונ האשט א בשטאנד צו אייביג". מלרה, לב/א.

1843 " אלס וואס הש"י האט אויף דר וועלט בשאפן האט ער אינס קעגן דעם אנדרן בשאפן דר מיט דס די וועלט זאל בישטאנד האבן". ר' אהרן מטריבש, ספר מצח אהרן, ווארשע, תר"ג, ד, - I.

10. (אַרב) מצבה ( איך באַטייט פון מזבח-שטיין), זיילשטיין, פעסטע זאַך צו ברענגען אויף איר קרבנות.

1829 " איר זאלט ניט מאכן צו אייך אפגעטער, און קיין פסל און קיין בישטאנד זאלט איר ניט אויפשטעלן צו אייך". חחת, ויקרא, כו - א.

11. ( אַרג? די? ) דאָס ביייזיין, אַנוועזנהייט.

1934 " ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ חרטה-געפֿיל פֿאַר דעם ביזיון, וואָס איך האָב אָנגעטאָן מיין רבין אין באַשטאַנד פֿון זיינע אַלע תלמידים". הרב לוי גליקמאַן,

ביראמטשא (~~אקערמאן~~), זכרונות לבית לוי, קעשענעוו, ז' 44.

|| =~~קעעט~~ -- די. שטאַנדהאַפּטיקייט, פֿעסטקייט פֿון גייסט.

1896 " די רוסישע ארבייטער [...] האבן ארויסגעוויזן א זעלטענע באשטאנדיקייט און פֿאַרשטאַנד ווי צו פֿירן זייער שטרייט". דער אידישער ארבייטער ~~| ארנטער-ערד אויסגאבע~~ נ' 1, בערלין, ז' 11.

|| =האפּטיקייט -- באשטאנד, צוזאמענשטעל.

1963 " אויב צו געדיכט, גיט צו מער מילך, צו מאכן די באשטאנדהאפּטיקייט געגוג געדיכט". טמז, 13/VI.

ם בשאנד, בישטאנד.

------> 6.

1739 "אויב גלייך דז איינה ( דיא בשולדיגונג) איזט גוויס, אונ' דז אנדרי (דיא פֿראנטווארטונג) איזט דראן צו צווייבלין מעמי איך זיא דאך אן, אום דוא בייא מיר בשטאנד הלטין זאלשט". ספר מבחר הפנינים, ~~הם~~ הומבורג, כג, - II.

------> 8.

1661 " ווייל מיר איצונדר גאנצה אכטצעהן יאר ניא קיין רוא נאך קיין פריד אונ' אויך קיין בישטאנד ניט האבן". יוסיפון, צא.

1723 " אונ וויא די לבנה טואט בייא נאכט אונ' ביי טאג שטין, אזוא הבין ישראל בשטאנד אויף דער וועלט". א. קירכהאן, שמחת הנפש II, ג' - II.

0 באשטאנד - עלעמענט -- דער. באשטאנדטייל, באשטייטייל.

1929 " דאס פארשפרייטן היגיענע און דאס איינפלאנצן היגיע-נישע געוווינהייטן איז אן אומאפטיילבארער באשטאנד-עלעמענט פֿון דער ארבעט [...] פֿון 'טאז'". 'טאז' שריפֿטן, ווארשע.

פראצענט - באשטאנד -- דער. צוזאמענשטעל פון עפעס אין פראצענטן.

1951 " פון דער ציילונג אין 1898 ביז 1937 [...] האט זיך

באַש I -35.

געענדערט דער פּראַצענט-באַשטאַנד צווישן די אַרבעטער און לערן-יינגלעך". י. לעשטשינסקי, אין זב ליטע ב' I, נ"י, ז' 912.

באַשטאַנדטייל -- דער, =ן. קאָמפּאָנענט, באַשטייטייל [טערמינאַלאָגיע אַריטמעטיק, ווילנע, 1920; טערמינאַלאָגיע מאַטעמאַטיק, ווילנע, 1921; טערמינאַלאָגיע כעמיע, ווילקאָמירער רעאַל-גימנאַזיע, 1926]. % באַשטאַנדטיילן פון אַן אַלגעבראַישער גלייכונג, פון אַ כעמישער פאַרבינדונג. דער וואָרצל איז אַ באַשטאַנדטייל פון אַ וואָרט.

1951 " די בערשטער האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט". מ. לאַדסקי, אין זב ליטע, ב' I, ז' 1259.

1972 " פּרייהייט איז אַן אומטיילבאַרער באַשטאַנדטייל פון דער פּראַכט און שיינקייט פון [באַסמישער האַרמאָניע". ה. זיידמאַן, דער אַלגעמיינער זשורנאַל, III/29.

באַשטאַניער -- דער, =ס.

1922 "[...] חיים יאָסל דער באַשטאַניער - מען רופט אים אַזוי, ווייל ער דינגט אַלע יאָר אַפּשר צוואַנציק באַשטאַנעס. יעקב שטיינבערג, באַשטאַנעס, בערלין, ז' 15.

באַשטאַנען זיין/ווערן -- מאַס, (לאַקל, שידלאָוו - קעלץ) זיין איבערגעשטאַנען, אַן אַ טעם. % דאָס עסן איז שוין געוואָרן באַשטאַנען. "מען האָט צו פרי אָנגעקאָכט די קאַרטאָפל איז ביז מען איז געגאַנגען עסן, זענען זיי געוואָרן באַשטאַנען". [קסוו].

באַשטאַנשטשיק -- דער, =עס. אייגנטימער, אַרענדאַטאָר אָדער אויפזעער, אויף אַ באַשטאַן.

... איך האָב דערזען פאַר זיך אַ באַקאַנטן פאַרשוין, [...]

איך וואלט געמעקט שווערן, אז ס'איז אכרים דער באשטאנשטשיק' שע,מעשיות פאר יידישע קינדער II; 'גרינס אויף שבועות', ז' 128.

באשטארבן -- טרוו. (שנש) פארטיליקן, טויטן.

... "|...| פאר די אנקומענדיקע דאס לאנד צו ארבן;/ איר ערד צו באלעבן, איר ערד צו באשטארבן". בעריש ווייגשטיין, 'מעשה אמעריקע' אין אמעריקע 1/ |?|, ז' 160.

באשטארצעווען -- טרוו. (סטאליעריי) אפגלעטן מיט הובל דעם שטארץ, (קאנט) פון א ברעט.

1929 " די טיר ווערט באשניטן און צוגעהובלט צו דער ברייט [...] ביים זעגן לאזט מען צו צייכן אויף צו באשטארצעווען". י. מ. בערמאן, מעבל ארבעט, ווארשע, ז' 49 [?].

ם |באשטארקן| בשטארקן -- טרוו. פארשטארקן, באקרעפטיקן.

1744 " אדר קען איך דען בשטארקן אדר ביגלויבט מאכין מייני זאגונג ווען דען דז לעצטי דר פון איז ביטר". בע, ח, 2.

באשטודירן -- טרוו. (ארכ) אויסשטודירן, אויסלערנען,

1846 " יעדער שומר איזט פערפליכט דיא היר פאסטגעשטעלטע תקנות, זא פיאל מאהל איבער צו לייענען אונ צו בעשטודירען, ביז ער מיט איהרן אינהאלט גאנץ גענויא בעקענט". תקנות להשומרים אצל הגבינות, אמשטרדם, תר"ו.

באשטויבונג -- די, בא. דער אקט אדער רעזולטאט פון באשטויבן. % קינסטלעכע באשטויבונג פון געוויקסן.

1920 " ווען דאס שנויצל ווערט באשטויבט מיטן בלומענ-שטויב פון אן אנדער בלום, בא דער איבערגעצלמטער באשטויבונג, אנטוויקלען זיך אין בלום א סך

גערזונטע זוימען [...]". ד. האָכבערג, איבז אַמאַ שמייל, געוויקסן, מאָסקווע, ז׳ 195.

0 אַלייִן - באַשטויבונג. פרעמד-באַשטויבונג. ווינט-באַשטויבונג. אינסעקטן-באַשטויבונג. קרייץ-באַשטויבונג.

באַשטויבטע -- פּאַדי פון באַשטויבן. % דער באַשטויבטער מאַנטל פון דעם רייזנדן. בלומען באַשטויבטע דורך בינען.

באַשטויבן -- טרוו. 1. באַדעקן מיט שטויב, פאַרשטויבן.

1913 " און מיט שטויב איז זי באַשטויבט [...]. סליחות, לובלין, תרע״ג, ז׳ 181.

דער סעקרעטאַר האָט אים אַרייַנגעפירט אין זאַל, וווּ אויסגעבעטע מעבל איז געווען באַציגן מיט גרויע ציכן, עס זאָל נישט באַשטויבט ווערן". אַפּאַ, קלעצקין, !!! ז׳ 11.

1940 " און טעג נאָך אונדז שוין איילן די פרישקייט פון ציגל באַשטויבן". אקש, מזרח און מערב, מאָסקווע, ז׳84.

2. (באָטאַניק) באַפרוכפּערן בלומען דורך אַריבערטראָגן דעם שטויב פון די שטויבפעדעם אויפן פעסטל. % די בלומען ווערן באַשטויבט אויך דורכן ווינט.

1926 " וואָס איז פאַרגעקומען מיט די בלומען, וואָס זיינען קינסטלעך באַשטויבט געוואָרן (וואָס איך האָב אויף זייערע פעסטלעך שטויב אַרויפגעטאָן) |...|". יאַכענסאָן, אַרבעטבוך אויף נאַטורוו. קיעוו, ז׳ 180 [?].

1934 " בינען זיינען אין דער לאַנדווירטשאַפט אומבאַדינגט נייטיק, ווייל זיי באַשטויבן די בלומען אין גאָרטן און אין סאַד". ישראל ביבער, זאָאָלאָגיע I, ווילנע, ז׳ 24.

ם באַשטויבן, בישטויבן זיך -- אַרויפנעמען שטויב אויף זיך.

חכמים איין זאמלן און' זיי דיך בשטויבן מיט דער אש פון דען שטויב פון אירן פיסן". [סידור] תפלה למשה..., דעסוי, קטז - 1.

1716 " און' דיא חכמים זאגן לאז דיין הויז זיין דש אורט וואו די חכמים זאלן זיך פרזאמלן, און' בישטויב דיך מיט דען שטויב פון איר פיס". חמ I, קיא - 1.

ב_א ש ט ו י ל ן -- טרוו, באגנבענען.

1894 " שלעכט! שלעכט! ביטער! מען האט מיך באשטוילן". אפרים מרגליות, דיא געפונענע עלטערין, ווארשא, ז' 42.

ב א ש ט ו י נ ע ן -- טרוו. באוווּנדערן, אנקוקן עפעס דערשטוינט, איבערגעראשט.

1934 " ווי מאדנע דאס איז, ווער עס שטייט און באשטוינט מיט א פנים אזוי ווי פון קופער געברוינט, דאס ליכט פון דער זון אויף טורעמס און ווענט". מלה II, נ"י ז' 60.

ב א ש ט ו י ס ן -- טרוו. (סטאליערײַ) מאכן דינער.

1929 " דעם דאזיקן שאבלאן דארף מען איין קאנט און איין שטארץ באשטויסן לויטן ווינקל [...]". מ. בערמאן, מעבל-ארבעט, ווארשע, ז' 11. [?].

ב א ש ט ו פּ ל ע ן -- טרוו. (שנש) מאכן עס זאל זײַן שטופלדיק, ניט גלאט.

1957 "די מיאוסקייט 'באחנט' ניט דאס גאנצע ווערק... עס באשטופלט עס בלויז". יג איך קעמפער, VI 7.

ב א ש ט ו ר ע מ ע ן -- טרוו. 1. ארויסטרעטן קעגן, באפאלן.

1870 " דער רב האט געזען, אז מען באשטורעמט אים פון אלע זייטן [...], האט ער אפגעלאזט דעם מלמד אויף באזשע ווליע". קמ נ' 32.

1951 " די ליטווישע היידנישע אמונה, אגב, איז שוין געווען באַשטורעמט פֿון דער אַרומיקער קריסטלעכער קירך".
א. קאַצענעלנבאָגען אין זב ליטע ב - I, ז' 320.

2. צושטיין, פּאַרוואַרפֿן, באַלעסטיקן מיט עפּעס (בקשות, פֿירלייגן א"ע).

1875 "שדכנים וואס האבן ניט געוווסט פֿון דעם געהיימען פֿאַרשפּרעכן האבן זיי נאך באַשטורעמט | טעקסט: באַשימעט. באַשיירמעט? | מיט שידוכים". אמד, דער פֿינדלינג, ווילנא, ז' 40.

1923 " [ דער מענטש ] ווייס ניט ווו איין און ווו אויס אין די פֿיל שאלות און ספֿקות וואס באַשטורעמען אים".
זק, נייס, /14.

ם באַשטאַרמען

3. צערודערן, אויפֿרעגן.

1743 " און' זיין הערץ וואַר אים זער באַשטאַרמט, און' אנגשטיג". מ.מן, יוסיפֿון, אמשטרדם, קלא-2.

ב אַ ש ט י ב ע ר ט -- אדי. (שנש) באַדעקט מיט שטיבער.
" די זאַוועריכע [...] האט איינגעשלונגען דעם שיטער באַשטיבערטן דאַרף". ה. גרשביין, רויטע פעלדער I, ז' 389.

ב אַ ש ט י ו ו ל ט -- אדי. וואס טראָגן שטיוול. % באַשטיוולטע פֿיס.

... פֿון דעם טרעפּן-הויז הערן מיר א שווערגעגייט פֿון א סך באַשטיוולטע מענטשן. ייט, פּוילן VI, ז' 235.

1951 " באַשטיוולטע פּויערים און איינגעפּאַטשקעטע גויעס פֿלעגן דא אין א מאַרק נאכמיטאג [...] אפּזיצן שעהען לאַנג". ז. באַק אין זב ליטע ב - I, ז' 1419.

ב אַ ש ט י ו ו ל ע ן -- טרוו. (שנש) באַזאָרגן מיט שטיוול.
... " און בערמאַן האט באַשטיוולט די פֿאַרטייִדיקער פֿון עם גרויסן פֿאַטערלאַנד און באַזאָלט די קאַוואַלעריע".

פם, דור-אויס, דור איין, ז׳ 73.

באשטייאיק -- אדי. [ סטוטש 98 ] שטאנדהאפטיק, פערמאנענט.

|| = ייט. 1. שטאנדהאפטיקייט, פערמאנענטקייט, אויסדויער.

1970 " פארגייאיקייט |...| אדער בלויז באשטייאיקייט".

צייט, אלע לידער און פאעמעס II, נ"י, ז׳ 481.

2. זעלבשטענדיקייט, פארזיכדיקייט.

1912 " ביי דעם היינטיקן טעריטאריאליסטישן סדר איז דעם איטעריטאריאלער אוממעגלעך זיך צו דערשלאגן צו אליין-באשטייאיקייט". ברידער גארדין אונדזערע חבורים, ווילנא, ז׳ 10.

באשטייגן -- טרוו. ארויפגיין, ארויפקומען, ארויפזעצן זיך אויף עפעס. % באשטייגן א בארג. באשטייגן די טרעפ. באשטייגן דאס פערד מיט א שפרונג. באשטייגן די שיף.

1908 " א יענע הויכע ערטער צו באשטייגן, ווו דיינע גרויסע האבן זייער רו". מר I, 174.

1936 " אויב איך וואלט באשטייגן דעם הימל - ביסטו דארטן". נגת, קלט, 8.

1943 " האבן מיר אנגעהויבן צו באשטייגן די הרי יהודה אויף אונדזער וועג קיין ירושלים". אש, דער מאן פון נצרת II, ז׳ 46.

1972 " מיט וויפל פרייד באשטייגט עדי קארוזעלע און ער וויגט זיך צוזאמען מיט די קינדער". ש. טענענבוים, אונדזער צייט, אקטאבער - דעצעמבער, ז׳ 161.

באשטייל -- דער, =ן. קאמפאנענט, באשטאנדטייל [ אווו ווב ]

באשטיין -- אוטוו. פצ איז באשטאנען. 1. זיין דער תמצית, מהות, האבן דעם אינהאלט, אויסדריקן זיך

אין עפעס. % באשטיין אין [...] אין וואס באשטייט
זיין כוח?.

... " דאס שיינקייט אירס איז באשטאנען אין מעשים טובים".
ס'/
ממוס, הבהמות, ז' 38

... " זיין סיסטעם איז באשטאנען אין ציען, אפזיען, פארציען,
אוועקציען; און וואס מער געצויגן |...| איז אלץ
בעסער". שע, פון כתרילעווקע.

.... " אין וואס באשטייט זיין נגידותשאפט - דאס ווייסט
קיינער נישט". שע ,ז' 173.

1926 " די אייגנטימלעכקייט פון שולחן ערוך באשטייט
נאר אין דעם, וואס ער האט דאס ריזן = גרויסע,
צעווארפענע הלכה-מאטעריאל צוזאמענגעשטעלט סיסטעמאטיש
|...|". ז. ה. עהרמאן, דער שלחן-ערוך, ווארשא, תרפ"ז,
ז' 8|?|.

2. זיין צונויפגעשטעלט פון עפעס, כולל זיין, האבן און
זיך. % באשטיין פון [...] זיין פארמעגן איז באשטאנען
פון א הויז און א קרעמל אויפן מארק. זיין איינביסן
פלעגט באשטיין פון א שטיקל ברויט מיט א ציינדל קנאבל.

1864 " זייער קליידונג באשטייט אין [פון] א געוועב [...]
וואס ווערט אזוי געטראגן ווי א רוימישע טאגא".
קמ ה' 37.

1913 " די ס-קער, ישיבה באשטייט פון איין גרויסן צימער
אויסגעשטעלט מיט טיש און בענק, איינגאנצן ווי א
בית-מדרש". ממוס, שלמה ר' חיימס II, ז' 30.

... דאס ביעלע איז באשטאנען פון 52 בלעטלעך". שע ,
ז' 54, ציט אויסג1937.

1930 " די ערשטע יידישע עמיגראציע אין די אכציקער יארן
פון פאריקן יארהונדערט איז באשטאנען פון אן אנגעלא-
פענער מאסע". דא, פון בערלין ביז סאן-פראנציסקא,
ווארשע, 1930, ז' 138.

1960 " אין דער אפטיילונג 'פאלק און לאנד', וואס באשטייט

פון פיר עטייען, זיינען צעוואַרפן גאר א סך אריסטאָקראַטישע זאַצן, וואס מען וואלט בפֿירוש באַדאַרפֿט פֿאַרגעדענקען".

יג, איך תוך געטומען.

3. זיין, לעבן, עקזיסטירן; האבן א קיום, בלייבן אין קראַפֿט.

1855 " דארך דעם צדיק באשטייט די וועלט וויא אוג פסוק שטייט: וצדיק יסוד עולם". מעשה רבי יהושע בן לוי, טשערנאוויץ, ז' 4.

... " ווייטער שטייט: וואס דו רעדסט ארויס וועט באשטיין, א ליכט שיינט אויף די וועגן וואס דו וועסט גיין". ממוס, זמירות, ז' 96.

1938 " א געוויסער מהלך צווישן זיי און די וואס האבן שפעטער אנגעהויבן [זיך צו ציוויליזירן] איז געבליבן באשטיין ביזן היינטיקן טאג". זק, ייפא נ' 8.

1941 " אלע אירע נדרים [...] ניט באשטיין". תי, במדבר ל, ז.

1970 " די גאנצע צייט, וואס דאס געטא איז באשטאנען, איז ער געווען איינער פון די הויפט-פֿירערס פֿון דער יידישער אליין-הילף". ספר סאנץ, ת"א, ז' 656.

4. מסכים זיין, איינשטימען. % ער באשטייט אויף אלץ. ער איז באשטאנען אויפן שידוך. צום ערשט האט ער זיך געקווענקלט, אבער דערנאך איז ער יא באשטאנען צו קומען.

... " און אז איך וועל דעם שדכן צו דיר שיקן, וועט דיין מאַמע דאך ניט באשטיין". פל.

1861 " איך קען נאך [...] באשטיין צו ווארטן, ביז איר וועט דאס געלט איינקאסירן". עט, סערקעלע, ציט אויסג 1925, ווילנע, ז' 353.

1894 " ווי דער צדיק וועט מיט אונדז טון, אזוי וועלן מיר באשטיין". ל. פינסקשטיין, תיקון לייבאלע, לעמבערג, ז' 17 [?].

1949 " נו, וואס, רב פּישל באשטייט איר דערויף, וואס אַב קאפל האט אייך אנגעשלאגן?". ייז, דערציילונגען, ז' 289.

1971 " די מאמע איז אויך באלד באשטאנען. אט אזוי האט מען ביי אונדז ליב געהאט ענקער משפחה". באש, פּאר /23.

5. האלטן זיך שטארק ביי א מיינונג, איינשפּארן זיך פאַרעקשנען זיך. % באשטיין אויף, באשטיין (דערויף) אז... ער באשטייט אויף זיינע רעכט. זי באשטייט אויף איריקן.

1878 " נאָמען קראטשיק קען שוין באשטיין, זיין טאכטער זאל גיין מיט א בעסערן מאנטל". ימבר"ע, שפּרינצע מירל..., בוקארעסט, ז' 6 |?|.

1962 " ער האט נאך גוט אפּגעשפּילט, וואס איך האב נישט באשטאנען, אז ער זאל גיין גלייך זיצן". ש. ביעליצער, טמז / 28.

1970 " איך קען באשטיין צו פארברענגען מיט יענעמס ווייב און יענער זאל האבן דעם יאך אויפן קאפּ". חג, טמז /13.

6. (ארכ) קעגנשטעלן זיך, אויסהאלטן און בייקומען; ביישטיין. % באשטיין אן אטאק, אן אנגריף, א באלעגערונג. (ארכ) באשטיין קעגן/ פאר.

1855 " און האבין גיזאגט מיר האבין גאר ניט אזו איין גבורה מיר זאלין קענין בשטיין אקעגין די עברים". ספורי מלחמות בני יעקב, טשערנאוויץ, תרט"ו.

1882 " נאטירלעך קענען די אויפשטאנדישע אנטקעגן די עסטרייכער ניט באשטיין". ייפאל / 18.

1941 " און קיינער פון אלע זייערע פּײַנט איז ניט באשטאנען פאר זיי [ישראל]". תי, יהושע, כא 44.

7. שטיין, באזירן זיך, אנשפּארן זיך, האלטן זיך (אויף...).

1864 " איר זאלט וויסן א כלל, די וועלט באשטייט אויף אָפּנארעכץ". ממוס, דאס קליינע מענטשעלע.

באשטיין (מיין) שטעטל -- ~~איך קען זיך אליין באגיין~~, איך קען זיך אליין אן עצה געבן.

1828 " איהר קענענט אַך בשטיהן אייער שטיהטלע איהר וועלטס נעהר ניט זיין און טיטש אללעס דער פּראַה אין שוהן אריין". יוסף הערץ, אסתר אדער דיא בעלאהנטע טוגענד, פיורדא, תקפ"ח, ז' 10.

1895 " ווען ער זאל דא זיין, וואלט ער געקענט זיין שטעטל אליין באשטיין, און בפרט אז מען פאראורטיילט אים אן שום באוויזן". יונה טרובניק, איבו פהיליפזאהן, רבי יהודה הלוי II, ווילנא, ז' 20.

1913 " די גרויסע מלכיות האבן חסד געטאן מיט געוויסע אומות [...] און אפגעלאזט זיי פריי פאר זיך אליין זייער שטעטל צו באשטיין". ממוס _ - __, א סגולה, ווארשא, ז' 20.

... " איטליכער וועט זיך מסתמא באשטיין זיין שטעטל". ייִן, חבר נחמן, ז' 78.

גרין באשטיין -- זיין אין א שלעכטן מצב [סטוטש 498].

~~בלוי באשטיין --- האבן א דורכפאל, האבן היזק.~~

... ריוועלע זאל אבער דארפן ארויסקוקן אויפן יעהופעצער נגיד אליין, וואלט זי בלוי באשטאנען". שע , ז' 232.

באשטיין קעגן צוויי (דריי) -- זיין ווערט, זיין גלייך צו צוויי (דריי) מענטשן.

ער קען שוין פאר א הונגעריקן באשטיין -- ער האט שוין א ביסל איבערגעפיסן, געשטילט דעם הונגער, געכאפט אין מויל אריין.

(א דאנק) איך קען באשטיין - ענטפערט דער, וועמען מען לייגט פאר זיך זעצן,

... " זעצט זיך, ר' בערל! עס מאכט ניט אויס, איך קאן באשטיין, ענטפערט בערל". די ביהן, ערשטער יאהרגאנג, נ' 6, ז' 5.

... " שרה - הנצו |...| איך קאן באשטיין". שע, דראמאטישע שריפטן, דער גט, ז' 31.

שור: א קלאפּ (א פּאטש) פאַרגייט, א ווארט באשטייט -- א

באליידיקונג רירט אן שטארקער ווי א קלאפ. סטרעס 373.

1961 " מער האב איך שוין ניט געקענט אויסהאלטן. כ'האב
ביי זיך געטראכט אזוי: א קלאפ פארגייט אבער א ווארט
באשטייט". ש. ביעליצער, טמז / 18.

... געלט פארגייט, אבער א מענטש ( ערליכקייט אע) באשטייט.
[ אמד ], גדולת ראטהשילד, 1865, ז' 65.

שיינקייט פארגייט און דאס קרן (א מטבע) באשטייט | סטרעס
563.

1897 " שקר החן והבל היופי, האט געזאגט א קלוגער ייד...
שיינקייט פארגייט און א מטבע באשטייט". ג. ח. לעוונער,
אוים ראמאן, ווילנא, ז' 5.

ם בשטין, בישטין, בשטעהן.

1. ←-----

1732 " דא דרינן בשטיט עש, דש ער [ דער מענטש ] צו אלים
גיסן און טיכטיג [...]". קאל, לב בנים על אבות.
האלוי, יג, I.

1783 " די ארזאך פון דען גאנציך אוהן-גליק בשטעהיט
אין דעם". מעשה גדולה מן אומן, פיורדא | הש I |.

2. ←-----

(?) 1739 " דיא חכמה בשטיט אין צווייא חלקים [...]".
ספר מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ט, ו', II.

3. ←-----

1544 " דש ניך זיינם טוט זיין קויניגרייך ווערט
בישטין. שמואל בוך, סטרז 1088.

... " הימל אונ' ערדא מויכט דוך ניט בשטיין ווען די
תורה וואלירדא בור גון". מגילה מינכן, מ/92 , 92ב.

1546 " עש איז גרוס דיא מצוה ווען איינר צדקה גיבט,
אונ' זיין גירעכטיקייט דיא בלייבט בישטין ביז אין
דיא איביקייט |...|". ספר היראה דר' יונה, ציריך
[ ציט איין פש II, 1930, ז' 165].

1680 " |...| געלט אונ' אום רעכט גוואוננן. בישטיט

אז וויא פוטר אין דער זונן". זעליקמן אולמא, דער צוכט שפיגל, פראנקפורט.

5.

" העט אגג קוניק שאולש ווייפא ניט בשטין צו שענדן / זא העט איך מיין ביצים נוך אן מיינן לענדן". מגילה מינכן, מ/ 104ב.

6.

1544 " איך בין איין שלעכטר פלשתי אז איין אנדרר מאן. / דר ווילט אנטר אוייך אלן איינן דער מיך טאר בישטון". שמואל בוך, פערז 335

1610 " אונ׳ ווען איין שטול פון דרייא פיש ניט בשטין קאן וויא זאל איך בשטין ור דיר אין צייט דיינש צאריך". סח, שמות, לב - יג.

1739 " דוא וועדשט ניט בשטיאן קענין אהני זיא, אונ׳ זיא ניט אהני דיר". ספר מבחר הפנינים. תצ"ט, ח. I.

7.

1696 " ער זאגט אויף דרייארלייא בלייבט די וועלט בישטין אויף דער ווארהייט אונ׳ אויף דען גיריכט אונ׳ אויף דען שלום". סידור תפלה למשה, קיז, 1.

8. בלייבן.

1544 " ער וואלט דוא דען יונגן ניט היימלישן גין. / ער שפראך דוא פושט אל מול בייא מיר היא בישטון". שמואל בוך, פערז 391.

9. אויפהערן זיך באוועגן, בלייבן שטיין.

" דאר מיט איז ער אים דער אטים בישטין גיבליבן ויוצאה נשמתו הטהורה. גה, ג׳ 200.

17 שה: העט דער איזל הערנר דא מעכט דיא וועלט ניט בשטין - ספר משלים, פפדם, 1686, כו, I - ס׳איז שלעכט ווען א נער באקומט כוח.

דאש געלט פר גיט אונ׳ דיא עבירה בישטיט - ס׳לוינט ניט

צו זינדיקן, צוליב געלט, צוליב מאטעריעלע הנאה.

1794 " דרום זאל זיך קיינר פון דעם יצר הרע פר פירן לאזן איין עבירה צו טין פון געלטש וועגן, דען דאש געלט פר גיט אונ׳ דיא עבירה בישטיט".

דרך הישר לעולם הבא, פפדם, כב,ב.

ב א ש ט יי ע נ ד -- גאדי. ( דטשם פארמע נא ) עקזיסטי-רנדיק.

1899 " די ארבעטער קעמפן דאך ניט קעגן איינצלנע מענטשן; זיי קעמפן קעגן דעם גאנצן באשטייענדן סיסטעם".

דער אידישער ארבייטער, נ׳ 7, ז׳ 20.

ב א ש ט יי ע נ ד י ק -- אדי. 1. דזור באשטייאיק

" א באשטייענדיקע זאך און ניט קיין מאמענטאלע ... מאניפעסטאציע פון גאטס כוח". זאלקינד, ברכות פ׳ 208.

2. ניט-נאכגיביק, איינגעשפארט.

1944 " די בריוו פון אלטן טאטן זיינען דערוויילע געווארן האסטיקער, באשטייענדיקער, מיט מער טענה". זש, קיסר און רבי, ז׳ 143.

ב א ש ט יי ע ר ו נ ג -- די. 1. בא. דאס ארויפלייגן שטייערן.

1970 " אין א קליינער שטאט ווי סאנץ איז געווען שווערער זיך ארויסצודרייען פון דער באשטייערונג ווי אין קראקע". ספר סאנץ, ז׳ 201.

2. מצ =ען. געלטביישטייער, קאנטריבוציע, אפט פרייוויליקע.

1951 " אין אנהויב פון דער רשימה פון די מנדבים לטובת די געליטענע פון דער אומגערעטעניש געפינען מיר דער גובערנאטאר, וואס האט דער ערשטער אריינגעטראגן זיין באשטייערונג". ג. אראנסאן, זב ליטע ב׳ I, ז׳ 215.

1968 " מאיר ליפשיץ שוחט |...| האט צוזאמען מיט אנדערע זיך פורים פארשטעלט און געגאנגען איבער די שטובן משמח זיין יידן. געמען פון זיי באשטייערונגען

צום פאַראַגראַפֿן די הכנסות פֿון דער ביקור - חולים-אַ
אינסטיטוציע". ה. גייער, יזכּ אָסטראָווצע [...], ז' 739.

באַשטייערן -- טרו. אַרויסלייגן שטייערן

1947 " אין באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטייערן די ייִדן,
וואָס ווילן האַלטן דעם ייִדישן ספֿר". טשענסטאָכאָווער
ייִדן, נ"י, ז' 12.

1951 " די ייִדן, וואָס זײַנען באַשטייערט געוואָרן מיט
וויניקער פֿון פֿיר גראָשן פֿאַרן וועד, טאָרן בכלל ניט
האַלטן קיין קריסטלעכע דינסט". ש. ווישניצער, זכּ ליטע
ב' I, ז' 178.

באַשטייערן זיך -- רעפֿל. בײַטראָגן פֿרײַוויליק אַן
אָפּצאָל פֿאַר אַ געוויסן צוועק.

1954 " מיר האָפֿן אַז קיין שום לאַנדסמאַן וועט נישט בלײַבן
גלײַכגילטיק [...] און וועט מיט אַ ברייטער האַנט
זיך באַשטייערן פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק". ה. י. מאַנטעַ,
יזכּ כעלם, ז' 686.

1970 " איצט האָבן זיי זיך פֿרײַוויליק באַשטייערט פֿאַר דער
סאָציאַלער זעלבסט-הילף". ספֿר סאַנץ, ז' 744.

באַשטימונג -- די, -ען. 1. נאָמינאַציע.

1929 " מאָטוויי איסאַיעוויטש האָט באַקומען אַ נײַע באַשטימונג".
מ. טייטש, אַרום דער פֿאַבריק, ז' 92.

1970 " די באַשטימונג [...] פֿון צוזאַמענשטעל פֿון דער
דעלעגאַטור פֿאַר דער שטאָט סאַנץ דאַרף אָפּגעלייגט ווערן".
ספֿר סאַנץ, ז' 746.

2. " פֿאַראָרדענונג, אינסטרוקציע, באַשלוס.

1934 " [זיי] רעקאָמענדירן אין זייערע באַשטימונגען צו
אײַנגלידערן די שטיקאַרבעט אין אַלע אַרבעטן פֿון די
קאָלווירטן. א. קאַנטאָר איבז וו. קאַרפּינסקי,
שמועסן וועגן לעניניזם, מאָסקווע, ז' 267 [?].

1951 " די קלאַנגען וועגן דער וואָרטע וויכטיקע ענדערונגען בנוגע די רוסישע יידן נעמען אַן אַלץ מער רעאַלע פאָרמען און עס איז שוין אַפילו באַשטימט אַ טערמין, ווען די נייע באַשטימונגען וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן".

ג. אַראָנסאָן, אין זב ליטע ב׳ I, ז׳ 213.

1963 " אין דער רוסישער ליטעראַטור, ביי פאַרשיידענע שרייבערס, הערט מען פון צייט צו צייט שטימען, וואָס באַווייזן קלאָר און אומצווייידייטיק, אַז דאָרטן נעמט מען נישט אָן אַלץ, וואָס עס גיבאַט די פּאַרטיי-באַשטימונג.לע, טמז /6.

3. דעפיניציע, | טערמינ׳ מאָס׳, ווילנע, 1921|.

1906 " ביז איצט איז דאָך נאָך נישטאָ איין איינציקע פון אַלעמען אָנערקענטע באַשטימונג פאַר אַ נאַציאָנאַליסטס".

ב. ס. איבז ד. געפּשטיין, וועגען די בעלי טובֿות פון יודישען פּראָלעטאַריאַט,ס. פּעטערבורג, ז׳ 14.

4. (גראַם) טערמין פאַר די בייגלידער אין זאַץ, וואָס דערקלערן דעם פּרעדיקאַט, די אומשטאַנדן פון אָרט, צייט און.

1978 " אַלע מינים אַדווערביאַלע באַשטימונגען מוזן זיך ציען צו אַ ווערב". ים, גראַמאַטיק פון דער יידישער כלל-שפּראַך, נ"י, ז׳ 80.

0 באַשטימונגס=וואָרט, דאָס, =ווערטער.

1912 " יעדער געגנשטאַנד האָט זיין גרונטוואָרט און באַשטימונגס-וואָרט. ווען איך זאָג ׳הויזטויבן׳ וויל איך וויסן און רעדן פון טויבן, ווען איך זאָג ׳טויבן=הויז׳ וויל איך וויסן און ריידן פון אַ הויז".

פ. אַבראַמאָוויטש (שאוולי), רעליגיאָן און פילאָסאָפיע, ווילנא, ז׳ 10.

אויפן - באַשטימונג, תנאי -באַשטימונג און (גראַם)

ם בישטימונג. ---- 2 . |יוסף מאַרשן, חנוך לנער, פיורדא, 1774, כא - I |.

ב א ש ט י מ ט -- פאדי / פאדרו פון באשטימען.

1. אויסגעטיילט, באזונדער, דער און ניט קיין אנדערער.

1919 " ער זעט פאר זיך א טייל יידן, קינדער פון א באשטימטן
פאלק, וואס ווילן פון זייער פאלקסהויט ארויסשפרינגען".
זשיט , נ"י, ז' 103.

1953 " [...] אזעלכע ווערטער וואס מע מעג זיי ניצן
בלויז אין באשטימטע פאלן פון לעבן, און די וואס
מע טאר איבער די ליפן ניט ברענגען". ים, יישפ - 4.

2. " וואס מע האט פריער אפגערעדט, פעסטגעשטעלט,
פארויסבאשטימט. % די וועגן פון מענטשן זיינען
באשטימטע, מן השמים. באשטימטע צייט.

1891 " די אויסגעדרעשטע תבואה [...] באשטימט | אדרו |
צו דער זריעה מוז מען האלטן אויף א לופטיק און א
טרוקן ארט". מ. וועבער, דער יודישער פעלדארבעטער,
ווארשא, ז' 48 |?|.

1924 " אלע סחורות וואס דאס לאנד האט פארמאגט, זענען
געווארן איינגעזאמלט אין באשטימטע ערטער".
עוזר ווארשאווסקי, האליאסטרע ב II, פאריז, ז' 42.

1970/71 " דאס הויז ווו דער רבי האט זיך אויסבאהאלטן איז
געווען אויף דער דזיעלנע גאס, און קומענדיק אויף
דעם באשטימטן אדרעס, האט מיך אויפגענומען איינער
פון רבינס זין". ל. וונדה, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 293.

3. דעפינירט, געוויס, זיכער, גוט באקאנט. % באשטימטע
באשייד.

1902 " די אינטעליגענציע אליין איז ניט קיין באשטימטער
סאציאלער קלאס". דער אידישער ארבייטער נ' 14, לאנדאן,
ז' 118.

1913 " מיין פעקל אויפן רוקן וועט מיך גאנץ באשטימט
|אדרו| אראפציען אין אפגרונט". טעקסט: אפגרונט|".
דפ, בערגשטייגער, דאס נייע לעבן, אפריל, 1913.

1953 " איך האב אים דא ציטירט, ווייל איך אים דירעקט

זיך אויס א באשטימטער אספעקט פון יידישן איינשטעלונג צו זיך און צו דער וועלט". גרינ, איד און וועלט, נ"י, ז' 349.

|| =הייט—(ארכ)

1882 " פֿנגפֿטנס זיינען אלע דיזע סימנים גאר אן שום וויכטיקייטן, אן באשטימטהייט און געוויסהייט אויף די הענט פֿון גאטס פירכטיקע לייט". ר' מ. א. גאלינו, חכמת היד, ווארשא, ז' 5 [?].

|| =קייט.

1964 " איך ווייס ניט מיט א גרויסער מאס באשטימטקייט וואס עס זענען די רעליגיעזע אנטוויונגען פֿון מײַן גוטן פרײַנד". טמז, לואי פינקלשטיין, 1.

ם בישטימט. 2.

1661 " און אן דעם זעלביגן בישטימטן טאג קאמן זיא ביידי אן דש פעלד אונ' זיא שטרייטטן". יוסיפון. אמשטרדם, נג.

באשטימטייל -- דער, =ן. (גראמ) איין א צונויפֿהעפֿט וואנטזייגער, וועקזייגער,—דער ערשטער קאמפאנענט וואס כאראקטעריזירט דעם הויפטטייל פֿון האנטזייגער.

באשטימיק -- אדי. 1. דעפינירנדיק % באשטימיקער ארטיקל. (~~איך באשטימטער ארטיקל~~ ---- ~~ארטיקל ב" 3~~): ~~מענלעך - דער, ווייבלעך - די, נייטראל - דאס, מערצאל פאר אלע מינים - די.~~

באשטימען -- טרוו. 1. באשליסן, דעצידירן, אנטשיידן.

1919 " דער קאנגרעס וועט ווערן די העכסטע אינסטאנץ, וואס האט א רעכט צו באשטימען דעם גורל פון אלע פעלקער און אלע לענדער, וועלכע זיינען געווען באש באטייליקט אין דער קריג". זשיט, נ"י, ז' 138.

באש I - 52.

1928 " זי איז געווען זיכער, אז ער וועט זי ראטעווען, פון אונטער דער חופה אפערנעמען, און האט באשטימט אים גלייך צו זען". אפא , קלעצקין I, ז' 89.

1953 " די געסטאפא-לייט האבן, לויט זייער איינזען, באשטימט וועמען צום טויט און וועמען צום לעבן". א. לידאווסקי, יזב ברנוביץ, ז' 468.

2. דעפינירן, כאראקטעריזירן, פעסטשטעלן.

1926 " דער ארויסקום [=אפשטאם] פון די לידער האט אבער באשטימט זייער טעמאטיק". י. גאלדבערג, דער יידיש-משכילישער אפשטאם פון ליד, אין צייטשריפט, מינסק, ז' 598.

1949 " דער מעכטיקער רעגירט, |...| באשטימט דאס רעכט און דאס אלץ בלויז אויפן סמך פון זיין שטארקייט |...|". ר. ראקער, נאציאנאליזם און קולטור, ב"א, ז' 294 |?|.

3. אפשטעלן| אפרעדן ( צייט, ארט ).

1958 " דאס רעכט צו באשטימען אן עיבור-יאר איז איבערגע- .885
געבן געווארן אויסשליסלעך צו דער סנהדרין [...] אין ירושלים". נ. שמן, טאג, / 17.

1968 " די ידיעה האט זיך באשטעטיקט, און אויף דעם ערשטן
דעצעמבער 1942 איז באשטימט געווארן די איבערזידלונג". 883
ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 838.

4. (פון) פארויסבאשליסן, פארויסאנטשיידן, פרעדעסטינירן, באשטימען אויף פארויס. באשטימען אין היפוך צו די פאקטן.

1865 " [ער] זאגט צו די דאמע, דו מוזט אויך איינוויליקן, דען זיי זענען שוין באשטימט פאר איינאנדער". א. ב. רוף, אדעליע-ראזע, ווארשא, ז' 47 [?].

1965 " די גמרא זאגט, א מענטש קלאפט זיך נישט אפ דעם
פינגער אונטן, איידער מען באשטימט עס נישט פון אויבן". 887
חג, טמז /1.

5. צוטיילן עפעס, עמעצן.

1958 " דער נייער ראש הישיבה [...] האט שארף פראטעסטירט
צום ריש גלותא פארן רעקווירירן דאס שטייערגעלט [...] 896

וואס איז באשטימט געווען פאר דער ישיבה" א. בורשטין
אמעריקאנער, 27/.

6. אנמערקן; אויסרעכענען, אויסגעפינען. % באשטימען
דעם וועג, דעם קורס.

1936 " איר זייט ניט קיין מאטראס. גיט א קוק אויף
די שטערן. לאמיר באשטימען די ארטלאגע". וו. לידין, 882
שטילער אדער גרויסער, מינסק.

7. איינשטעלן, אריינפירן ( פרייז, לוין, שטראף אע ).

1900 " די פאבריקאנטן האבן זיך געקלאגט, אז זיי קענען
בשום אופן ניט באשטיין צו צאלן אזא מקח, ווי די
ריכטער באשטימען. די געשיכטע פון די ענגלישע ארבייטער-
בונדען, זשענעוו, ז' 22.

... [...] מער ניט אויף באשטימען א לוין פאר דעם
איינצעלנעם לויט זיין ערך [...]". ליקוטי-אמרים, 892
תניא, אידיש, קלו - 2552.

8. נאמינירן, אנשטעלן צו אן ארבעט, פאסטן, מיסיע.
% באשטימען פאר א דירעקטאר פון א פאבריק.

1948 " די דייטשן [ ] האבן אים באשטימט צו גרינדן און
אנצופירן דעם צענטראלן יודענראט" מ. באכנער
ספר כושאנאוו, רעגנסבורג, ז' 255.

|| =ער. -- דער, =ס. 1. דער דאס וואס באשטימט,
באשליסט. % דייטשע באשטימערס | סטוטש 383 |.

2. ( ספעצ ) האנטבוך צו באשטימען מינים פון געוויקסן.

1926 " נאך דעם ווי איר האט צונויפגעשטעלט די כאראקטע-
ריסטיק פון אייער געוויקס, קאנט איר באשטימען
ד"ה געפינען זיין נאמען לויט א באשטימער".
יאכינסאן, ארבעטבוך אויף נאטורוו. I, קיעוו.

ס בישטימען
3. ←-----

1668 " אונ' אלזא בישטימטן זיא איינן טאג צו דעם שטרייט".
יוסיפון מז. 20.

1743 "דא בשטימטין זיא זיך מיט אנגדר איין צייט אום אויש
דיא שטאט צו גין בייא נאכט |...|". מ. מן, יוסיפון,
כה. 2.

.5

1679 " מאן גיבט דינן קנעכטן קיין שטרוא, אונ' זאלין דאך
דיא ציגל מאכין, דיא אונז בישטימט זייך". בליץ,
שמות, ה - טז.

באַשטימרעכט -- די, מצ ־ראַצ. | ~~סטוטש~~ 391 |
רעכט צו באשליסן, דעצידירן, ~~צוריק~~ אפשטימען (אויף
א זיצונג, פארזאמלונג בעת וואלן אאַרו); שטימרעכט.

באַשטיפּטלען -- טרו. ( אויף פיג ) באשטעקן,
ארומקלאפן מיט שטיפטלעך ( קליינע שווערקעלעך ).

1953 " אפט זע איך, שפעט באנאכט, בשעת איך דרימל אונטער
ביים קאַפּול, ווי דו - מיט שטערן גאלדענע - ~~באַש~~
באשטיפטלסט איבער מיר די נאכט". הר, אין שענסטן טאג
פון הארבסט, לאס-אנדזשעלעס, ז' 168.

באַשטיקן -88- טרו. אויסשטיקן, אויסהעפטן/
אויסהאַפטן. % באשטיקן א חלה=טישטעכל, [קטרו].

באַשטירצט -- אדו. (דטשם, נא ) דערנידעריקט,
דערשלאגן, אראפגעפאַלן ביי זיך.

1895 " ער האט ביי מיר געפרעגט א פאס. איך נעם זוכן -
ניטא מיין פאס, מען האט אים ביי מיר ארויסגעגנבעט.
איך בין געבליבן העכסט באשטירצט". ע. בלאשטיין,
איין אלמנה פון איין לעבעדיגן מאן, ווילנא, ז' 35.

ס [ באשטירצן ] בשטרצן -- טרו. אויסוואלגערן.
" הכפישני - ער בשטרצט מיך. רייכלין 8 [ ת"י: הכפישני
באפר - ער האט מיך געוועלגערט אין אש" ].

[באשטעטיק] בישטעטיג -- אדוו. שטענדיק, תמיד.

1694 " חי וקים" - אלז לעבנדיק אונ' בישטעטיג איך בין זיא האב איך בישאפן דייך גישטלט". סייטש פון אקדמות, פירש, איך פש ׀׀׀.

‖ בישטעטיקייט - באשטענדיקייט, דויער.

1744 " אונ' דז אנדר ענט פון דיא צייט דאש איז וואן דער מענש פרום איז דען זיכט ער דיא צימליכקייט און בישטעטיקייט". בעןח, 4, 3.

באַשטעטיקונג -- די, =ען. 1. אנווייז, פעסטשטעלונג וועגן דער ריכטיקייט, געזעצלעכקייט, אידענטיטעט פון עפעס / עמעצן.

1963 " די ראנגלענישן פון זיינע יונגע יארן קאנען דינען אלס א קלאסישע באשטעטיקונג פון דעם מאמר חכמינו ז"ל: " אין לך דבר העומד בפני הרצון". ש. וויגאדא, פאר 3/.

2. דאקומענט וואס שטעלט פעסט, ווייזט אן די ריכטיקייט, אידענטיטעט פון עפעס / עמעצן; סערטיפיקאט.

1970/71 " דערווייל האב איך זיך דערמאנט, אז עס געפינען זיך ביי מיר די באשטעטיקונגען אויף דער רעגיסטראציע פון אלע דריי [...] ל. ווגדה, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 301.

3. גוטהייסונג, אקצעפטאציע פון עפעס / עמעצן. % די תקנה האט מען געשיקט צו דער באשטעטיקונג פון מיניסטער.

באַשטעטיקט -- פאדי פון באשטעטיקן. אקצעפטירט, גוטגעהייסן, ריכטיק. % באשטעטיקטע ידיעות. באשטעטיקטע אינסטיטוציע.

1887 " ערשט ב"ה האט מען שוין כמעט אין אלע שטעט באשטעטיקטע חברות קדושות מיט [...] סטאטוטן און עס איז ב"ה אין פרץ ואין צווחה". יפאל נ' 50.

1922 " געזעלשאפטן, ארטעלן [...] דארפן האבן א באשטעטיקטן סטאטוט אדער אפמאך. ב. האלפערן, א האנט בוך... פון א פאלקסבאנק, ווילנע, ז' 11 [?].

ס  בישטעטיגט, 2. מקוים געווארן.

1700 " און דען יהודים וואר ליכט און פרייד אלש דען בישטעטיגטן און ווארן אויף זיך און אויף אירן זאמען מקבל צו איין יום טוב דען זיבן און צוואנציגשטן טאג איין אדר". שי דף עא/2.

באשטעטיקן -- טרוו. 1. אנווייזן, עדות זאגן אויף דער ריכטיקייט, אידענטיטעט פון עפעס / עמעצן.

1947 " גראס' תשובה האט באשטעטיקט, אז מען דארף יידן ווי 'אן אומהארמאנישן ראסע-געמיש' שארף אינטערשיידן פון די מענטשן, ... מוו, היטלערס פראפעסארן, נ"י, ז' 120.

1952 " איך קען באשטעטיקן, אז איך לאדזש האט מען שטענדיק געניצט דאס ווארט אפגוס פאר 'סינק'". יישפ - 3.

1961 " אויף מאירן האט ער נאכדעם איבערגעפירט זיין בליק מיט אזא מינע, ווי ער וואלט באשטעטיקט: ' יא [...], דאס איז ער". בערג, אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 674.

2. גוטהייסן, אקצעפטירן עפעס/ עמעצן.

1870 " דעם חשבון האט דורכגעזען די אסיפה כוללת [...] און באשטעטיקט". צעדערבוים, געהיימניס פון בערדיטשעוו, ווארשע, ז' 48 |?|.

1951 " די פריווילעגיע פון יאר 1441 איז ווייטער באשטעטיקט געווארן אין די יארן 1485 און 1492". י. ברוצקוס, ליטע, ב' I, נ"י, ז' 198.

3. ( אַרכ ) אויפריכטן, באלעבן, געבן א קיום, מקוים זיין.

1818 " איין קליין פייגלי היישט צפור זאגט |...| איך פויגל האב מער ניט צו אכטן אויף דר וועלט נאר דז מיין שפייז אום מייני יונגי קינדר צו בשטעטיגן". שבע זכירות, לעמבערג, ז' 19.

באשטעטיקן זיך -- 1. רעפל, אין ב 1.

1968 " אויך דאס מאל האט זיך באשטעטיקט דער פאקט, אז אפנארעריי און פארברעכן איז דער יסוד פון דער דייטשישער

אקופאציע-פאליטיק". ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, פת"א, ז' 837.

2. (ארק) רעפל אין ב 3.

1924 " די אלע עונשים אויף די עברות וואס זי! געטאן האבן וועלן [אין טעקסט: ווערן] זיך אויף איינעם באשטעטיקן און איינטרעפן". ר' הילל ליכטענשטיין, עת לעשות !!, סאטמאר, כז, !!,

ם בישטעטיגן

3. ←-----

... " ויקם לך - אוינ' ער בשטעטגט צדיר". רייכלין 8, [ת"י: וועט דיר צו שטאנד קומען].

1602 " נון עש ווערן די טאג קומן שפריכט גאט דז איך די גוט ווארט די איך גירעט האב אויף ישראל אונ' אויף יודא בישטעטיגן וויל". שעריר לג - יד [ת"י: איך וועל מקיים זיין].

1798 " אונ דוא נאלש בענשן איר ברויט אונ איר וואשר מיט אלי בענטשונג ~~שרברך אתה~~" אונ דוא זאלשט בשטעטיגן אן מייני קינדר דעם פסוק דאש גשריבן איז". תחנות ובקשות, יג/ב, ווילנע, 1858, איבערדרוק פון דיהרנפורט.

|| בישטעטיגר,

1744 " גאט ב"ה דער איז דער בישטעטיגר אונ' אויף ריכטר פון אונזרן הייליגן (בית המקדש) דש איז דיא בישטענדיקייט פון דיא גאנצי וועלט". בע, לו, 2.

באשטעכונג -- די, [בא?], (שש) שוחד, כאבאר.

1899 " שוחד על נקי לא לקח (שוחד - באשטעכונג)". מקראי קדש... ועם תרגום המלות והענין, תהלים כו, ה, מאת י. אינדיצקי, ווארשע.

1970/71 " ביי אונדזער שטעלע איז געווען א פארארבעטער, וועלכער פלעגט נעמען באשטעכונג". די. גראבינער, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 340.

באַשטעכן -- טרון, פֿאַר באַשטאַכן. (שש) געבן שוחד, אונטערקויפֿן.

1877 " דער דארטיקער נאמיעסניק [הויכער באַאַמטער אין רוסלאַנד, אָנפירער פון א פּראַווינץ] ווערט פון זיי באַשטאַכן מיט גרויסע שחדים" אמד, איבו, דער ברטנורה, ווילנא, ז׳ 1877.

1961 " וואָס? מיך ווילט איר באַשטעכן? מיך, א קאָמענדאַנט, א. בורשטין, אַמעריקאַנער, 29/.

ם בשטעכן.

1718 " עס איז דאָס איבר גלויבן פון אייערן פאטר פון דיא פּאָלשי פּריסטער, אודר גאר פון אייער פאטרס ברודר זון הער, דער פּיליכט דיא פּריסטער בשטאָכין האָט דען אויז שפּראַך צוא זאגן". מראות הצובאות, וואַנזבעק, דף כא.

|| =לער -- אדי. וואָס איז נוטה צו נעמען כאַבאַר [קטור].

=לעכקייט. [קטור].

באַשטעל -- דער, =ן, באַשטעלונג ב 1.

1971 " אז די קעלנערין איז אוועק ברענגען דעם באַשטעל, האָט די מיס אַרויפגעלייגט איר קליין מיידלש הענטל אויף זיין מענער-האַנט". ב. דעמבלין, פֿאַר __/21.

(0 באַשטעלבוך -- דאָס, מצ ...ביכער. [סטנגטש 488] אין מסחר - בוך וווּ ס׳ווערן רעגיסטרירט באַשטעלונגען אויף סחורה.

באַשטעל-קאַרטע -- די, =ס. מעניו.

1964 ... [...] אפילו ניט באַדאַרפט אַריינקוקן אין דער ברויסער ׳באַשטעל-קאַרטע׳". מ. אבראַמסון, טמז 22/.

באַשטעלונג -- די, =ען. 1. א בקשה, פֿאַרלאַנג אויסצואַרבעטן, צוצושטעלן א געוויסע סחורה אדער אויסצופירן א געוויסע באַדינונג (אויך געזעלשאַפטלעכע).

% דער סוחר האָט געמאַכט א גרויסע באַשטעלונג ביים

בורסאַווניק. אויף די נייע מאַנטלען. נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע באַשטעלונג.

1913 " וואָס ווייטער ווערט אַרויסגעשטויסן די באַשטעלונגס-

977 א׳ אַרבעט און איר אָרט פאַרנעמט פּאַרטיקע אַרבעט". זש׳ [?] ׳די נאָדעל׳, ווילנא, ז׳1.

1940 " תרח איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין; ער האָט

978 געהאַט מסתמא גרויסע באַשטעלונגען". קאַר II, ז׳ 20.

1964 " אליקום האָט אַרויספאַרענדיקט א באַשטעלונג, א פּאָר דר

979 ווייסע טישן פאַר א קיך". חג, טמז 17/1.

2. סחורה אָדער באַדינונג, וואָס ווערט געגעבן לויט עמעצנס פאַרלאַנג, פאָדערונג. % די פאַבריק האָט שוין אַרויסגעשיקט אַלע באַשטעלונגען צו אירע קליענטן.

3. אָפּמאַך, אָפּרייד (זיך צו טרעפן).

1902 " ווער ווייסט מיט וויפל גנבים ער האָט א באַשטעלונג

984 געמאַכט, דאָס ער זאָל אונדז אַרויסגענאַרן אויס די שטאָט, און די גנבים וועלן אַריינקומען און אַלץ אויסליידיקן". ~~מ. מ.~~ ווי, מען האָט געשחטן קליינע יונגלעך, וואַרשא, ז׳ 21 [?].

1972 " ער האָט גלייך אויפן אָרט געמאַכט מיט איר א באַשטעלונג".

984 א׳ באַש, פּאַר / 5.

מאַכן / אַרבעטן אויף באַשטעלונג - אויספאַרטיקן מיט סעריעסווייז, א געוויסן פּראָדוקט פאַר א געוויסן קליענט. % פאַר זיינע גרויסע פיס דאַרף מען מאַכן שיך אויף באַשטעלונג. דער שניידער אַרבעט נאָר אויף באַשטעלונג.

באַשטעלן -- טרוו. 1. בעטן, פאַרלאַנגען אויסצו-אַרבעטן, צוזושטעלן א געוויסע סחורה אָדער אויספירן א געוויסע באַדינונג. % באַשטעלן א פּלאַץ אין א פּענסיאָן. ~~באַשטעלן ביי א פּויער א שליטן~~. באַשטעלן ביי א שרייבער א פּיעסע.

1947 " עטלעכע אויפלאַגעס פון ענגלישע איבערזעצונגען וואָס דאָס אויסערן-מיניסטעריום האָט געהאַט באַשטעלט [...] זיינען פאַרברענט געוואָרן [...]". מוו, הישלערס

פראפעסארן. נ"י, ז' 233.

1963 " טאפעלע שויבן באשטעל איך צו שיצן מיין גליק פון די מענער". סוצ, פור 2, ז' 168.

1973 " באשטעלן ביים חסיד ווייַן אויף די ארבע־כוסות". חג, זקנים און קינדער, פאר / 1.

2. דינגען עמעצן צו טאן אן ארבעט, א שליחות,

1882 " איך זאלט איר באשטעלן בעל־מלאכות איינצולייגן
1007 די פראנטאוונע כאלופקע". א. מארגאלים, די געהיימניסע[...]
ווארשא, ז' 22 |?|.

1970/71 " מיר האבן היינט באשטעלט צוויי פרויען [...],
1008 און דערנאך האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס זיינען
יידן". ל. וונגדה, יזב זלאטשעוו, ז' 301.

3. אפגעבן עמעצן צו לערנען א מלאכה. % באשטעלן פאר (ביי א שניידער.

... " אלץ, ברוך השם, פארקויפט [...], דאס לעצטע קישעלע
1010 [...], דאס קינד באשטעלט ביי א לון [...], אלץ
צוליב אים |...|, אלץ צוליבן קראנקן". שע, ~~מ.פ.~~ דעם
חזנס I, ז' 23.

4. אפרעדן ~~זיך~~, אפשטעלן א צייט, אפשמועסן.

1844 " ר' חנינה וועט נישט קאנען קומען צו דער זמן חתונה וואס ער באשטעלט האט". פאוויר, ספורי הפלאות, ווארשע, ב־ I.

1928 " אזוי? אויף היינט אין אונטן האט איר אים ביי
1015 זיך באשטעלט? גוט [...], איך וועל מיך זען אויסרייסן"
ממוס , דער פריזיוו, ווארשע, ז' 13.

1960 " זי איז געקומען פרעגן דעם טאטן א שאלה צי זי מעג
1016 ברעכן דעם תקיעת־כף. אויב יא, האט זי געוואלט
באשטעלן א 'שטילע חתונה"". י. ווארשאווסקי, פאר /25.

5. אנשטעלן א סך זאכן, ארומשטעלן מיט עפעס. % באשטעלן דעם טיש מיט ~~עסנס~~.

1018 19... " די אויפנאך־צימערן [...] זיינען געווען באשטעלט
מיט הויכע ברייטע אמפיר־שראנקען". אש, פעטערבורג,
ז' 8.

1930 " דער וועג וואָס פירט אהין מיט ביימער איז באשטעלט".
ש. דריז, ליכטיקע וואר, קיעוו, ז' 9 |?|.

1961 " אלע וועגן זיינען באשטעלט געווען מיט אוקראַינער, וועלכע האבן דערמארדעט יידן וואס האבן געפרווט אנטלויפן". ב. ראטניעווסקי, ספר לוצק, ז' 521.

6. אונטערקויפן [קשוו] % " באשטעלן די דאקטוירים דורך א 'מאכער'".

7. ( ארפ ) באזארגן, פארזארגן, איינארדענען. % באשטעלן א קינד אין " אויך זאלט איהר בעשטעלען פאר אייער אוועק פארען מיט אייניגע קרובים אונ רייכע גוטע פריינד אז זייא זאלען אייך אלע יאהר וואס באשטימטעש אונטערשיקען". 'שבחי האר', קעניגסבערג, א. י.

1818 " גאט האט'ס אמיסנע אזוי בשטעלט כדי מזאל פאר אים מורא האבין". מס, קהלת, ג – 14.

1879 " [...] איך זע א יידענע וועלכע עס האט ליב מצוות |...|, פאר ליידיקגייער באשטעלן קצבות און ארעמע יתומות מיט קלויזניקעס חתונה צו מאכן". פ. א. ר., דער ארעמאן, ווארשא. 1035

2. אפריידן זיך וועגן א צייט, באגעגעניש אע. % מיר האבן זיך באשטעלט צו טרעפן ביים וואקזאל.

8. ( ארפ ) ~~אנגעבן, פרעזענטירן עמעצן.~~

1851 " איך מאך אויף אייך היינט עדות [...] דעם הימל מיט דער ערד ווארום זיי האבן אייביק א קיום דרום 1023
באשטעל איך זיי פאר עדות". חעט, דברים ל – יט.

באשטעלן זיך -- 1. אננעמען א שטעלע, אנדינגען זיך.

... " טאמער וואלט איר זיך באשטעלט ביי אונדז פאר א 1025
בלאזער אויף ימים נוראים?". שע, מר|מיסטער?|גרין.

באשטעלן קעסט, שבתים ( א שבת) – טעג – ( פון יידישן שטייגער) באזארגן עמעצן מיט שפייז אויף שבת אדער אנדערע טעג.

1890 " א מאל האט מען זיי ביידן באשטעלט שבת ביי איינעם א קארגן גביר". ר' יעקב מדובנא, משלי חכמה(שמונה), 1030
ווילנא, יד.

1898 " פ"א האט נעמליך פאר גאנץ פסח זיך און שמעון ביי

1026 ראובן קעסט באַשטעלט" מ. מ. אויזערקיס, דער פּריוואַט-

לעהרער, דראהאביטש, ז' 3 [?].

" פאַרן פון איין שטאט אין דער אנדערער – 'באַשטעלן 1886

1031 שבחים ;" שע, יוסילע טאלאווי.

1923 " ער איז אים געפעלן געווארן [...] און האט אים

1033 צוגעזאגט צו באַשטעלן גוטע טעג". יב"א זיו, דער

ישיבה בחור [...], ווילנא, ערשטע [?] אויסגאבע 1897, ז' 6.

אז מען וויל ערגעץ פארן, זאל מען באַשטעלן דריי פאַרמאַנקעס:

איינער זאל מיך איבערפירן | נישט האלטן דעם צוזאג

אז ער וועט פארן |, דעם צווייטן זאלסטו איבערפירן,

און מיט דעם דריטן זאלסטו פאָרן. [ גלייכווערטל,

שידלאָוו-קעלץ, קטון ].

ם בישטעלן, בשטעלן.

1. ←------

1686 " איך דיען דארף בייא אונזרן אנדרן גיזעלן איין

1037 גוטי הערברג [ הארבעריק? ] וועלן מיר אונז בישטעלן"

ספר משלים, פפדם, יא, [!].

2. ←------

... " ער שפרך איך וויל דיר איינץ בשטעלן // ליבר מיין

1038 גזעלן". מגילה מינכן, מ/103 א [?].

1735 " דארטן בישטעלט דער שפיטאל מיינסטר איין ארמי

1039 פרויא דיא מוזט דען קראנקין איילין שפיגל ווארטן".

איילין שפיגל, פראג.

4. ←------

1676 " עש איז איין משל איין הער ביט זייני קנעכט אויף

1045 איין סעודה אונ' בשטילט אין איין צייט [...]".

ברנט שפיגל, פפדם, פרק ח'.

7. -------

... " מרדכי האט ער בשטאלט / דש ער הט גרושן גיוואלט"

1041 מגילה מינכן, מ/108 א [?].

1721 " וועק אבר איינר שטערבט אונ' איז איין צדיק געוועזן

דא האט ער זייני זאכן וואול בישטעלט אויף דער וועלט
און' ווערט איין נאמן איין גטן לון אויף יענער וועלט".
מחזור ר"ה ויו"ה, הומבורג, קטז, 1.

8. באגנבענען

1732 " איז אבר איינר דען אנדרן אום טרייאה און באשטעלט
אים זיין ברויט, ווער אים בעשר זיין טוט (טוים)". 1047
עיון יצחק, ו/5.

בשטעלן זיך. ------ 2.

1743 " דא האט זיך דש גמיין פאלק איין גזאמלט, גלייך
אלש זיא זיך בשטעלט האבן". שאר, קכו.

באַשטע --- די, =ס. 1. טורעם פון א שלאס(פעסטונג)
% מע שיסט פון דער באַשטע.
... " זי האט זיך שוין פון אים מיאש געווען, איז מען איר
געקומען די גוטע בשורה אנזאגן, אז מען האט די ביידע
יינגלער געפונען אויף דער צווייטער זייט פון דער באַשטע".
אש, 'דער תהילים ייד"

2. אַסטראג, תפיסה [מארק ווב 660].

באַשטעלער -- דער, =ס/ מצ 1. דער וואס
פארלאנגט פון פריער א געוויסע סחורה, באדינונג.
% די באַשטעלערס דארפן אפנעמען די סחורה אויפן
לופטפּאָרט.

1964 " אז מען וועט דארפן טאבאק שיקן אויף דער פאסט
[...], איז דאס אויף חשבון פונעם באַשטעלער".קם, נ' 27. 1073

1953 " די סאוועטישע באַשטעלער און פארגיכטער האבן געוווסט
דעם גרויסן אנטשיידנדיקן ווערט פון גייסטיקן המשך".
ש. ביקל, שרייבער פון איין דור, נ"י, ז' 290.

2. (אקטיאריש) בלאַפער, ליגנער, באַרימער [קטוו].

|| =ין (=קע) - ווע

1962 " מיכה דער שניידער [...] האט גענומען די 'מאס'
פון באַשטעלער אויפן קוק [...]". מ. אונגער, טמז / 25. 1075

באשטענדיק -- אדוו. 1. שטענדיק, תמיד, כסדרדיק. באשטענדיקע געסט.

1865 " באשטענדיק | אדוו | באמיט אפצוהיטן די אינטערעסן 5015
פון דער אפּעקע, וואס איז מיר איבערגעגעבן געווארן".
קמ, נ׳ 29.

1873 " מיט איטלעכן פירן זיי באשטענדיק | אדוו | קאנטעס".
ממוס, קלאטשע, 176720

1963 " באשטענדיק | אדוו | ווארטן מיר און בענקען".
טצצ, פוו II , ת"א, ז׳ 322. 5045

2. פערמאנענט, דויערנדיק, סטאביל (להיפוך פון צייטווייליק)
באשטענדיקע צייך. גארנישט איז באשטענדיק | אדוו |.

1842 " ביז אין די טעג פון מרדכי איז דער עונש פון
( מכירת יוסף ) בשטענדיק. ר׳ אהרן מטריבש, ספר מצח 5051
אהרן, ווארשע, יז, ב - I.

1947 " בויט ער [ דער ייד ] אין באשטענדיקן גלות-מיצרים
פיתום ורעמסס פאר פרעה, קלייבט אליין דאס שטרוי 5006
און זיפצט [...]". פרץ, אלקא , ז׳ 400.

1959 " די ארטאגראפיע-קאמיסיע איז א באשטענדיקער ארגאן,
וואס צו איר דארף מען זיך ווענדן אין אלע ספקדיקע 5005
אויסלייג-ענינים". ימ, יישפ - 3, ז׳ 87 |?|.

ס בישטענדיק

1698 " דער קיסר קאָיו איזט אין זיינם רשעות בישטענדיק
פון אן פאנג ביז צום ענדין |...|." ר׳ זלמן הענא 5024
איבז ר׳ דוד גאנז, צמח דוד, פפדם, תנ"ח.

1738 " בייא בשטענדיגי פורכט פר ליהרט זיך די האפנוג
|האפנונג?|". ספר מבחר הפנינים, הומבורג, תצ"ט, ב - II 5029

1679 " אביר פר וואר, דעש וועגין האב איך דיך לאזין
בישטענדיג בלייבן, אום דיך צו לאזין זעהן מיין 5028
קראפט". י. בליץ, שמות, ט - טז. [ תי: און נאר דרום האב
איך דיר געלאזט באשטיין, כדי דיר צו ווייזן מיין כוח].

" אונ' איין בישטענדיגין פרידן מיטביידן רייכין זולטין
5021 אן ריכטין". זכרונות מרת גה, ז' 94.

באַשטענדיקייט --- די, באַ. שטענדיקייט,
סטאַבילקייט, כסדרדיקייט, שטאַנדהאַפטיקייט.

1940 " לעבט דער שטיינערנער ספינקס - הייסט עס, אז עס
5063 איז דא עפעס פעסטקייט א באַשטענדיקייט". א. קאַראַלניק
III, נ"י, ז' 83.

1965 " אפשר ליגט די אמתע באַשטענדיקייט דווקא אין דער
5068 צייטווייליקייט". בצג, טאָג, 9/10.

ם בישטענדיקייט:

1724 " די הצלחה אונ בישטענדיקייט פון קיניגליכי פאלאשט
5059 האט גיהאנגן אן בית המקדש". בית ישראל ובית הבחירה,
אמשט', תס"ד.

באַשטענדיקן -- טרוו. (אַרט) געבן א קיום,
אויפשטעלן, עטאַבלירן, מאַכן דויערדיק, קיומדיק.

1843 " לקיים דס זיי אוף זיך זאלן בשטענדיקן דס זיי
5071 זאלן מאכן דם פירצהנטן טאג צו דם מאנהייט אדר
[...] איינם ( יום טוב )". ר' אהרן מטריבש, ספר
מצח אהרן, ווארשע, לי III.

1956 " לערן זיך אויס צו באַשטענדיקן דיין שיינקייט נישט
5070 מיט פֿאַלשע וויראַזשן". יג, פון מיין גאַנצער מי,
נ"י, ז' 30.

ם בישטענדיגן.

1610 " אונ' איך וויל בישטענדיקן מיין ריד מיט דיר דש
5073 איך האב גירעט צו דוד גינם וטר." טח, שמות ו - יב.
[תי: וועל איך מקיים זיין אויף דיר דעם צוזאג, וואס
איך האב צוגעזאגט דיין פאטער דוד].

1716 " אונ' דוא בישטענדיגשט דיין וואר האפטקייט צו דיא
5074 דא שלאפן אין דער ערד". ש. פראַנקפורט, ספר החיים II,
תע"ז, נ. 2.

ב א ש ט ע פ ן -- טרוו. ( שניידעריי ) ארומשטעפן ברעגן פון א בגד. ~~אאאאא~~, מאכן ספעציעלע שטעפ ביי זיי.

% דער שניידער האט באשטעפט דעם קאלנער מיט זיידענע פעדעם.

ב א ש ט ע ק -- דער, בא. א קאמפלעט פון לעפל, גאפל, מעסער; מעסערווארג. % זילבערנער באשטעק.

1944 " מ'האט אויסגעשטעלט טיפע ערדענע שיסלען, ערדענע פויערישע קריגן און ביליק באשטעק פון בלעך און פון 5082

האלץ". ייש, פוילן I, נ"י, ז' 107.

1972 ביבאוו דרשנט צו די לאדזשער יידן, זיי זאלן זיך פרייוויליק צושטעלן צו דעם טראנספארט [...], מיטנעמען: 5080

טעפ, געפעס און באשטעק". ח. ראזענבארג, דער בוים פון לעבן III, ז' 575.

ב א ש ט ע ק ן -- טרוו. 1. ארומנעמען, באלייגן מיט א באפוץ. % באשטעקן מיט קאמען ( קעמלעך ), באשטעקן מיט פעדערן.

1844 " דאס [...] בעט וואר געמאכט אויף פיר גילדענע רעדער, די קישן וואר מיט פערל באשטעקט". א. פאוויר, 5089

ספורי הפלאות, ווארשע.

1878 " זי [ דאס מיידל ] וואר גאר פון אויבן ביז אונטן מיט פערל און דימענטן באשטעקט ". טויזנט און איין 5088

טאג, ווילנא, ז' 10 |?|.

1862 " ...|...| אויסקנעטן פון ליים יענעמס אפבילד און עס באשטעקן מיט נאדלען". באש, פאר XI/30. 5034

2. ( ארכ ) אונטערקויפן, געבן שוחד.

1838 " דיא וועכטער דיא וואס זענען באשטעקט געווארן פון די 5090

שופטים לאזן מיך ניט ארייך צום קיניג". א פאוויר, גדולת יוסף, יוזעפאף, יד - ב - II.

ם בישטעקן.

3. צונויפנעמען, איינזאמלען.

■ די שטערן — שטרוו. גרוישטערן, גרינשטערן

1668 ~~...~~ .. און זי [די בוימען] ווערן דערשטיקט מיט אורלען געטייטן

פון שמאריקל [שמאַראַגדן] און פון פערל מתר״. ולסופין, נח.

[בוימשטערן]

צו/ם ערשטן געמיינט!

66 .ז 13

רעד: דזוו באשטעכן?

אפשר טעות הדפוס?

1676 " די חכמי הקבלה שרייבן איין מלאך היישט אוררי יום
און׳ ווען ער הערט דאז זיך איינש בעלברט שילט דא 5027
בישטעקט ער די קללות". ברנט שפיגל, פפדם, פרק נא.

באשטערענען -- טרוו, 1. באדעקן מיט שטערן.
1958 " געפרייט האט זיך אויך דער פאעט און געלאכט
דערפאר וואס מען האט אים איין מיטן דער נאכט א רגע 5099
פון יענער זייט פרגנד באשטערנט, און ער האט א געוונג
געזען און געלערנט". אלף כץ, א מעשה מיט א נ׳,
~~א=מעשה=כ=ט=א~~ חלום עליכם, נ"י, ז׳ 92.

2. ( פיג ) באלייכטן ( ווי מיט שטערן ).
1968 " און אויב ער [ א. צייטלין ] הערט קיין מאל ניט
אויף צו פרעגן: ׳וויפל חושך האסטו באשטערנט?׳ - 5103
קאן מען גריילעך זאגן, אז זיינע לידער - ספערן
באשטערענען דעם חושך פון אונדזער חורבן". י. שפיגעל,
גק נ׳ 63/62, ז׳ 318.

~~באשטערנט -- פאדי.~~

1963 " שווער איז אונדז לעבן איין טורמישע בלוטיק -באשטערנטע
שטעט". סוצ, פוו I, ת"א, ז׳ 53. 5101

באשטראלונג -- די, =ען. 1. אקט אדער רעזולטאט
פון באשטראלן, בב 1, 3.

2. ( מעד ) באהאנדלונג פון קראנקעמיט רענטגען-שטראלן
אא.
1965 " אונדזער פריוואטער רענטגען-קאבינעט האט דורכגעפירט
איבער 2000 קעפ -באשטראלונגען". ח. ~~לייקאוויטש~~, ליטע 5109
II, ז׳ 464.
1966 " האט מען אנגעהויבן א סך מער באנוצן דעם איראדיאציע
(באשטראלונג ) = פראצעס אין דער אינדוסטריע, אגריקול- 5117
טור, מעדיצין [...]". י. וואלאך, סמז III/13.

באשטראלן -- טרוו. 1. באווארפן מיט שטראלן, באליי-
כטן און באווארעמען.

1920 " נאר פלוצלינג האט א שטראל א ווייסער/די אויגן זיינע ווי באשטראלט".דא, גש I, ווארשע, ז' 140. 5120

2. אויסשטעלן אויף דער ווירקונג פון געוויסע שטראלן ( אין מעדיצין אע ). % דער דאקטער האט באשטראלט דעם קראנקן מיט א רענטגען־אפאראט.

3.

|| באשטראלט -- פאדי. באלויכטן, באגלאנצט, מיט שטראלן

1910 " די קעניגין גייט צום באשטראלטן אלטאר/ און קניט פאר די הייליקע בילדער". פרוג, פון II, נ"י, ז' 81. 5114

1953 " געהערט משה רבנו |...| דעם פאלק וואס איז |...| באשטראלט געווארן פון אים |...| דעם פאלק וואס איז |...| באשטראלט געווארן פון אים |...|. גרינ, איד און וועלט, נ"י, ז' 29. 5105

1969 " די דריי גרויסע און לעצטע וואלאזשינער ראשי ישיבה |...| האבן ווי די דריי אבות פון חומש א רומגערינגלט דעם דינאבורגער עילוי און אים באשטראלט מיט זייערע גרויסע אויגן". חג, טמז V/22.

באשטראלטקייט -- די. ~~מארק ווב 618~~ | ~~אייגנשאפט~~ פון ~~פאדי~~ באשטראלט, אלץ ב"ז, מצב

באשטראלער -- דער, =ס. ~~סטוטש 289~~ | עפעס אדער עמעצער וואס באשטראלט.

ב א ש ט ר א מ ע ן -- טרוו. (שנש) פארגיסן (ווי) מיט א שטראם.

~~1963~~ " אזוי וואלט איך וועלן מיין ווייטיק באשטראמען // און פאנגען זיין צייט אין די איביקע תהומען" סבצ, פון I, ז' 144. 5126

ב א ש ט ר א פ ו נ ג -- די, =ען. ~~פראצעס~~ אדער רעזולטאט פון באשטראפן. ~~שטראף~~.

1848 " אונ דו בדארפסט ווישן אז אלי שולדיקייט פון דיא הערצר אונ בשטראפונג פון דיא לייבר דיא גייאן אריין כלומר דיא זעניך איין גישטעלט אין די צען שרשים [...]". חח !!!, ז' 55. 5129

3. ( <u>פיג</u> ) ארויסווייזן עמעצן ווארעמע באציונג, דערהיימן,
גייסטיק באלייכטן.

1898 " דער געריכט האט צוגעמשפט 500 ארבייטער פארשידענע

5134 א׳ באשטראפונגען". ווי האבען די בעלגישע ארבייטער

געשטריטען פאר דער פרייהייט, אפריל, ז׳ 5.

1938 " |...| ווי אזוי עס קען דורכן מקוים ווערן פון

5128 א פארלאנג נולד ווערן עפעס אזוינס וואס איז גאר

שטארק אומחענוגדיק דהיינו א באשטראפונג". מוז איבז

פרויד, אריינפיר אין פסיכאאנאליז, ז׳ 188.

ב א ש ט ר א פ ל ע ך -- אדי. וואס עס קומט דערפאר א שטראף.

1938 " [ זי ] האט אונטערגעהאלטן באשטראפלעכע באציונגען

5140 מיט קארל [...]". מוז איבז פרויד, אריינפיר אין

פסיכאאנאליז, ווילנע.

ב א ש ט ר א פ ן -- טרוו. ארויפלייגן א שטראף, א מאסמיטל

קעגן עמעצן וואס איז באגאנגען אן עבירה, פארברעכן.

% שטרענג באשטראפן. די מאמע האט

1836 " אבער די שטרענגקייט דארף זיין צוזאמען מיט ליבשאפט

5154 [ צום קינד ], מען דארף אויך ניט באשטראפן א קינד

מיט גרויס כעס דען דא דורך ווערט עס איינגעשפארט".

מלכה בערלאנט, די גליקלעכע מוטער, ווילנא, ז׳ 60 |?|.

1911 " פאר די דאזיקע זינד [...] ווערן מיר באשטראפט

5161 מיט גרויסע צרות, מיט אונטערדריקונגען, גזירות

רעות |...|. ממוס, קליאטשע, קאמפ׳ 978660

1959 " ווען דער קריטיקער איז נישט צופרידן, ווען ער

5163 ׳רייסט ארונטער׳ א בוך [...], איז ער געגליכן צו א גוטן

לערער, ווען ער באשטראפט זיין תלמיד". שנ, קריטיק

און קריטיקער, ב"א, ז׳ 136.

|| =ט -/ פאדי. דאס באשטראפטע קינד

1956 " געגאן ווי א באשטראפטער איז דער שניי, / און

5133 נאכגעקוקט מיט שאנד פון הינטן האט די רחבות".

פמ, מלחמה I, נ"י, ז׳ 239.

=ער -- דער, =ס. וואס באשטראפט.

1961 " ווען דער מערדער ווערט יאַ באַשטראָפט, איז עס אַ
גאולה, און דער באַשטראָפער איז אַ גואל". ה. זיידמאַן, 5168
טמז /14.

ב אַ ש ט ר יי ט ב אַ ר -- אַדי/אַדוו. (דטשם) דזוו
באַשטרייטלעך

1940 " ניט באַשטרייטבאַר אַלץ, וואָס אונטער צייכן/פון דיין
הארבן אייזערנעם באַדינג". אקש, מיזרעך אונז מיירעוו, 5172
מאָסקווע, ז' 171.

ב אַ ש ט ר יי ט ל ע ך -- אַדי/אַדוו. | סטוטש 323 | וואָס
לאָזט זיך באַשטרייטן, אָפּפרעגן. % באַשטרייטלעכע
מיינונגען. די פּראָבלעם איז געבליבן באַשטרייטלעך, |אַדוו|

ב אַ ש ט ר יי ט ן -- טרוו. 1. באַקעמפן, אַנטקעגנשטעלן זיך.

1908 " [...] וואָס איך האָב אָנגעגרייט איף שרעקלעכע
ציינן/ מיט זיי מיינע אַלע שונאים צו באַשטרייטן". 5176
מר I, נ"י, ז' 181.

1945 " ביי גאָר דער וועלט ביסט גרייט די פרייד באַשטרייטן"
האַל, ערדישע וועגן, מאָסקווע, ז' 89. 5179

1964 " פּרובירט מיך נישט צו באַשטרייטן אין דעם עסק
[...]". לואי פינקעלשטיין, טמז, /1. 5180

2. אָפּפרעגן, אַרויסטרעטן קעגן אַ געוויסער מיינונג, אידעע.

1951 " דער מערעטשער רב האָט אָנגעשריבן זייער אַ פיינעם
ספר, ווו ער באַשטרייט העפטיק דעם דור-דור ודורשיו". 5174 א'
פ. מאַרקוס, ליטע ב' I, נ"י, ז' 672.

באַשטרייטן די הוצאה -- (אהכ) אַרויסקומען מיט
דער הוצאה, זיך אַן עצה געבן.

1873 " מיין געהאַלט איז קוים דרייסיק טאַלער, און דיזעס
איז ניט גענוגענד צו באַשטרייטן די הוצאה פון 5175
לעבן מיט איינער פרוי וואָס איז אַ טאָכטער פון אַזוי
אַ גרויסן גביר". אמד, דיא צווי אונגלייכע ברידער
מאָטקע און הערשקע, ווילנא, ז' 53.

ב אַ ש ט ר ײַ כ ן -- טרוו. ( ) באשמירן, אפשמירן.

1883 " קום און זע ווען מען באשטרייכט די אויגן מיט

5184 פוך". נופת צופים אויף חומש, ווילנא, לה"ז.

1900 " מ'קען אויך פריער ארומוויקלען די קליידער ארום

א אפרעטור-צילינדער און דערנאך איינטונקען א בארשט

5185 אדער א הובקע אין די גומע-וואסער און פון אויבן

באשטרייכן דערמיט". ש. שאפירא, קליידער פארבעריי,

ווארשע, ז' 125 [?].

ם בישטרייכן

" אונ' זאלט פון זיינם בלוט [פון קרבן] נעמן, אונ'

